STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 02023

ELYE UN ELKE

Yitshak Elhanan Rontsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. א. ראָנטש

עליע און עלקע

פאַרלאַג „גריניקע ביימעלעך“

ווילנע — 1938

Copyright 1938
by
J. E. Rontch
New Jork, N. Y.

J. E. Roncz

„Elje un Elke“

DRUK „EXPRESS“ WILNO.

1.

זיידע און באָבע לאַפּידוס זײַנען געקומען קיין אַמעריקע מיט דרײַ הילצערנע קופערטן, צוויי שטרויענע קערב און צוועלף פּעק און פּעקלעך. אויסער דעם האָבן זיי מיטגעבראַכט מיט זיך נאָך אַ פאַרמעגן-זייערע צען קינדער: פינף זין און פינף טעכטער.

יעדעס קינד האָט געטראָגן צו איין פּעקל. דער זיידע-איינס, די באָבע — איינס.

צוזאַמען — צוועלף.
געווען איז דאָס לאַנג, לאַנג צוריק.
אַ יאָר דרײַסיק — זאָגט דער זיידע.
איין און דרײַסיק — זאָגט די באָבע.

וואָס דער זיידע זאָל ניט זאָגן, וועט אים די באָבע פאַרריכטן; וואָס זי זאָל ניט זאָגן, וועט ער אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט און אויפהייבן די געדיכטע שוואַרצע ברעמען און אַ ברום טאָן:

— עט, ס'איז טאַקע געווען אַזוי, נאָר דאָך אַ ביסל אַנדערש...

— געדענקסט, בּרוך, דעם שטורעם אויפן יַם? — דערמאָנט זיך אַ מאָל די באָבע.

— יאָ, דבורה, נאָר ס'איז ניט געווען קיין שטורעם. דער יַם איז געווען גלאַט ווי אַ לאָקשנברעט.

דער זיידע איז אַ הויכער, אַן אויסגעצויגע־נער, מיט בלאָס־בלויע אויגן, וואָס ווערן קלע־נער, ווען ער וויל שפּאַסן. און אַזוי ווי ער איז שטענדיק גרייט אַ שטיף צו טאָן, זײַנען זיי בײַ אים געוואָרן זייער שמאָל.

די באָבע ווידער איז אַ קליינע, אַ רונדיקע, שטענדיק אַ פאַרזאָרגטע. אויגן האָט זי ברוינע, פולע, וואָס ווילן אַלץ, אַלץ זען.

דער זיידע האָט זייער ליב די טעכטער, די באָבע — די זין. און ווען די קינדער האָבן אָנגעהויבן אַרײַנברענגען אין הויז די אייניקלעך, האָט פּאַסירט דאָס זעלבע: דער זיידע האָט אָנגעקוואָלן פון די מיידלעך, די באָבע — פון די יינגלעך.

— באָבי איז קלוג ווי די זון — האָט זיך אויסגעפּײַנט די באָבע.

— וויעראָטשקע פאַרשטעקט זיי אַלעמען אין אַרבל — האָט פאַרזשמורעט די בלויע אייגעלעך דער זיידע.

איידער זיי האָבן צײַט געהאַט רעכט אַרומ־צוקוקן זיך, ווי מע איז אין דער נײַער וועלט, האָבן די צען קינדער פאַרלאָזן די היים. חתונה געהאַט און — „אַוועקגעפלויגן די פייגעלעך, איי־גענע נעסטן זיך אויסגעבויט".

אַזוי האָט געזאָגט די באָבע צום זיידן, ווען זיי זײַנען געבליבן אַליין. און, דוכט זיך, צום

ערשטן מאָל האָט דער זיידע מיט איר איינגע־שטימט און ניט געשפּאַסט. נאָר זעענדיק, אַז אירע גרויסע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן, האָט ער זיך אַ גלעט געטאָן דאָס גלאַט־פאַרקאַמטע גרויע בערדל, פאַרזשמורעט איין אויג און זיך אָנגערופן:

— דבורה, פּטור געוואָרן פון טומל. איצט דאַרפסטו חתונה מאַכן עלקען און איך וועל פירן צו דער חופּה עליען און מיר וועלן פאָרן אויף אונדזער האָניק־חודש. עס איז אַפילו אַ קאַ־פּעטשקע צו שפּעט. נאָר בעסער שפּעטער ווי קיין מאָל ניט...

יאָ, די קינדער האָבן זיי פאַרלאָזן, זיך צע־שפּרייט אין אַלע טיילן פון ניו־יאָרק — איבער בראָנקס, ברוקלין, מאַנהעטן, לאָנג איילענד און אַפילו סטאַטן איילאַנד.

בלויז עלקע און עליע האָבן ניט פאַרלאָזן.

2.

ווער זיינען זיי געווען, עליע און עלקע?

זיי זיינען צוגעקומען שוין אין אַמעריקע. און כאָטש זיי האָבן געטראָגן יידישע נעמען, האָבן זיי אָבער פון קיין יידן ניט אָפּגעשטאַמט.

איר ווילט זיך מסתמא אָנשטויסן, אַז דער זיידע האָט ליב געהאַט עלקען און די באָבע — עליען... נאָר דאָס מאָל האָט איר ניט געטראָפן.

ווער איז געווען עלקע?

דער באָבעס בעסטער פרײַנד.

אַז די באָבע איז אַראָפּ אײַנקויפֿן, האָט עלקע געהאַלטן זי אין איין רופֿן, געבענקט נאָך איר. און ווען די באָבע איז צוריקגעקומען, האָט עלקע זיך געפֿרייט מיט איר.

ווער איז געווען עליע?

דעם זיידנס בעסטער פֿרײַנד.

אַז דער זיידע איז צוגעקומען צו אים, האָט עליע גאָר אָנגעקוואָלן; מיט קיין אַנדערן האָט עליע ניט געוואָלט פֿאַרברענגען.

עליע האָט ניט ליב געהאַט די באָבע. דער־פֿאַר האָט עלקע ניט ליב געהאַט דעם זיידן.

ווער־זשע זײַנען זיי געווען — עלקע און עליע?

עלקע איז געווען דער בלוי־גרינער פּאַ־פּוגײַ, וואָס האָט זיך אויפֿגעהאַלטן בײַ דער באָבען אין הויז שוין איבער פֿופֿצן יאָר צײַט.

עליע איז געווען דער ברוינער מוסקולי־רטער פֿערד, וועלכן דער זיידע האָט אָפּגעקויפֿט מיט עטלעכע יאָר צוריק און אים געהאַלטן אין שטאַל, וואָס האָט זיך געפֿונען אין הויף. דער זיידע האָט געקאָנט פֿון זײַן פֿענצטער אַראָפּ־קוקן און האַלטן אַן אויג אויף זײַן פֿרײַנד.

נאָכן אויסגעבן די קינדער איז דאָס פּוסטע הויז, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ פֿאַרוואָר־

פענער שטילער געגנט אין בראָנזוויל, פול גע-וואָרן מיט עלקען און עליען.

— מע דארף א קוק טאָן, וואָס עליע מאכטו

— אזוי האָט דער זיידע געזאָגט אראָפּקוקנדיק פון פענצטער צו דער שטאָל.

— ביסט דאָך נאָר וואָס געווען אונטן, בָרוך

— האָט זיך די באָבע ווי אָנגעבייזערט אויף אים — א מענטש האָט פּיס און האַלט אין איין קריכן איבער די שטיגן. וואָס וועסטו ווידער לויפן צו עליען, אַז עסן האָסטו אים צוגעגרייט און די שטאָל איז ריין און קיין פליגן בייסן אים ניט, און מיינע דאגות האָט ער ניט, דער סוף...

דער זיידע האָט געקוקט אויף איר. די ליפּן זיינע האָבן נאָכגעמאכט אירע רייד און ער האָט זיך געקראַצט אין פּאָטילניצע. די אויגן זיינע האָבן זיך פאַרזשמורעט און דאָס פּנים האָט זיך צעשמייכלט ברייט.

— אײַ, דבוֹרה, דבוֹרה, אזוי רעדט מען אויף מיין בעסטן פריינד? ווען דו וואָלסט זיין דערביי, ווי ער דערפרייט זיך, ווען ער דער-שמעקט, אַז איך קום. ווען דו וואָלסט געזען, ווי ער רייסט זיך מיך צו באַגעגענען און ווי ער הירזשעט פון פרייד, ווען איך גיב אים א גלעט איבער דער גלאַטער הויט חי זײַד, — וואָלסטו אזוי ניט גערעדט. א שטומע באַשעפעניש, דוכט זיך, נאָר איך זאָג דיר, אַז ער האָט מער שׂכל

ווי אַ סך מענטשן, וואָס ווינען אויף אונדזער גאַס, זאָל מיר גאָט ניט שטראָפן פאַר מײַנע רייד...

אַראָפּגיין איז אים אָנגעקומען לײַכט. נאָר דאָס אַרויפֿקריכן צוריק אויף די שטיגן איז דעם זיידן אָנגעקומען שווער. ער האָט געהאַלטן אין איין סאָפּען און זיך געמוזט גלײַך צוזעצן. די באָבע איז געשטאַנען לעבן אים אַ צעשראָקענע און געוואַרט, אַז ער זאָל צו זיך קומען, כּדי זי זאָל אים קאָנען גוט אויסריידן.

— נו, בּרוך, ווער איז גערעכט געווען? אַזאַ יאָר אויף אונדזערע שונאים. סאַר אַ פּנים דו האָסט איצט. קוים וואָס דו זשיפּעסט... געדאַרפֿט זעען, וואָס עליע מאַכט... קיין אַנדער זאַך ליגט דיר שוין ניט אין קאָפּ...

— לאָז געמאַך, דבורה, זאָגט מען דיר. איך וועל ניט אָוועקגעבן עליען פֿאַר אַ זאַק בוריקעס, הערסטו?

דאָ האָט זיך דער זיידע אַ קראַץ געטאָן די חײַסע האָר זײַנע און זיך צעשמייכלט.

— הערסט, דבורה, ווען כ׳בין אַרײַן צו אים, האָט ער אײַנגעבויגן דעם לאַנגן האַלדז זײַנעם און געריבן דעם קאָפּ אָן מײַן אַרבל און די וואַרעמע פֿאַרע זײַנע האָט געשמעקט ווי פֿריש געקאָסיעט היי... ער האָט אַרויסגעשטעקט די לאַנגע צונג און אָנגעהויבן לעקן מײַן פּנים, ווי אַ קינד לעקט אַ צוקערקע... זאָג, דבורה, וויפֿל איז

דאָס ווערט, האַ? דאַכט זיך אַ פערד, אַ פּיר־פּיסיקע שטומע חיה און ווײַזט אַרויס אַזוי פּיל ליבשאַפט און גוטסקייט, אַז עס פאַרכאַפּט בײַ דער נשמה. כ׳וואָלט זיך ניט שעמען, וואָלט איך זיך צעוויינט... אַזוי רירט ער מיך צו מאָל...

די באָבע איז צופרידן, וואָס דער זיידע איז געקומען צו זיך. נאָר זי קען ניט פאַרטראָגן זײַנע רייד וועגן פערד.

— גענוג, גענוג דיר געבאָלבעט, — זאָגט זי, ריידנדיק אין טעפּל אַרײַן, ווײַל די גאַנצע צײַט פאַרברענגען זיי איצט אין קיך, ווו ס׳איז אי וואַרעמער, אי היימלעכער.

פון זיידנס רייד קען מען טאַקע מיינען, אַז עליע איז גוט צו יעדן איינעם, וואָס קומט צו גאַסט. נאָר ס׳איז ניט אַזוי.

איין מאָל איז דער זיידע קראַנק געווען און די באָבע איז אַראָפּ שפּײַזן עליען. זי האָט זיך אַ ביסל געשראָקן פאַר אים און פון יעדן ריר זײַנעם מיטן ריזיקן גוף האָט זי אַ ציטער געטאָן. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, ווען זי האָט אים דערלאַנגט דעם עמער מיט עסן. זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט אָפּשאַצן איר גוטסקייט. אָנשטאָט דעם האָט ער מיטן לאַנגן קאָפּ געגעבן אַ שמיץ אַוועק דעם עמער, וואָס איז געפלויגן צו דער טיר. און די באָבע האָט אויסגעלאָזט אַלע בייזע חלומות צו זײַן קאָפּ.

זי איז געבליבן שטיין א צעטומלטע און דער-שראָקענע און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

עליע איז געוואָרן נאָך שטײפער בײַ זיך און ער האָט אין גאַנצן געוואָלט אַרויסשפּאַצירן פון שטאַל. און אָפשר האָט זיך אים גאַר געגלוסט צו עסן אין א רעסטאָראַן?.. קוים מיט צָרות איז דער באָבען געלונגען (מיט א שטיק האָלץ, וואָס זי האָט צום גליק געפונען דערנעבן) אים אַרײַנ-צוטרײַבן צוריק און אויף גיך פאַרמאַכן די שטאַל. ווען זי איז אַרויפגעקומען אין קיך, איז זי געווען אָן אָנגעצונדעטע.

— אַ פערד בלײַבט אַ פערד! בָרוך, איך זאָג דיר, אַז קיין גוטס וועט דערפון ניט אַרויס-קומען. דו דאַרפסט אים האָבן ווי אויגנווייטיק, זאָג איך דיר. שוין צײַט, זאָלסט פָּטור ווערן פון אים. ער האָט איבערגעקערט דעם עמער, דער רוח ווייס אים. ער האָט ניט געוואָלט נעמען פון מיר די שפּײַז. קוים מיט צָרות אים אײַנגע-האַלטן, אַז ער זאָל ניט אַרויסלויפן פון שטאַל...

די באָבע האָט זיך געפילט שולדיק. זי האָט געוווּסט, אַז דער זיידע איז אויף איר ניט אין כַּעס — ער איז קיין מאָל ניט געווען אין כַּעס — נאָר עס האָט איר פאַרדראָסן, וואָס ער וועט קראַנקערהייט מוזן אַראָפּגיין צו שפּײַזן עליען.

— אַ קלוגער פערד, עליע! כ'זאָל אַזוי דערלעבן משיחן מיט דיר צוזאַמען, ווי ער איז

א חכם. דערקלערט א שטריק. א יוניענמאן — עליע, וויל ניט קיין פרעמדע שפיזער... האסטו אים געפרוווט געבן א שטיקל צוקער, דבורה?
— געגעבן, געגעבן, נאר ער האט מיר שיר דעם קאפ ניט אראפגעדרייט, זאג איך דיר.
— נו, דארף מען אנטאן די שיך און אראפ־גיין אים אויסזידלען. פאר וואס ער האט באַ־ליידיקט א לעידי. ער וועט שוין באקומען פון מיר די אמתע פארציע מוסר. נאר ער איז קלוג... הערסט, דבורה, קליגער פון א פראפעסאר...
די באבע איז געווען גערעכט. צוליב וואס דער זיידע האט איצט געדארפט האבן א פערד, האט קיינער ניט געוווסט. צוריק מיט עטלעכע יאר, ווען ער האט נאך א מאל געטאן א טאג ארבעט, האט ער געהאט אן אויסרייד, אז ער מוז האבן א פערד. דער זיידע איז געווען א גלעזער ביים פאך. אמת, די מערסטע גלעזער, וואס דארפן ווי ארײַנשטעלן א שויב, מוזן ניט צוליב דעם האבן א פערד, און דער זיידע האט יארן לאנג ארײַנגעשטעלט שויבן אן א פערד. נאר ווען די קינדער זײַנען אונטערגעוואקסן און דער זיידע האט שוין געקענט אויסרוען זײַנע אלטע ביינער, ווײַל די קינדער האבן אפ־געמאכט בײַ זיך אויסצוהאלטן זייערע אלטע טאטע־מאמע, האט דער זיידע באשלאסן, אז ניין — ער איז נאך ניט אלט, ער קען נאך

אַרבעטן. נאָר אַלץ, וואָס ער דאַרף. איז—אַ פערד. ווײַל זינט ער איז געווען אַ קינד, האָט ער ליב געהאַט צו קוקן און רײַטן אויף פערד און זײַן גאַנץ לעבן האָט ער געטרוימט צו האָבן אַן אייגן פערד.

.3

פון זײַנע 5 זין האָט דער זיידע בלויז איינעם ליב געהאַט. דאָס איז געווען ראַלף, זײַן ייִנגסטער זון, וועלכער פלעגט אים פירן צום פערדמאַרק, אָדער אַ מאָל צו אַ פערד־וועטלויף. אַ גאַנצע וואָך פלעגט ער דאַן מיט ראַלפן שמועסן וועגן די פערד, וואָס זיי האָבן געזען.

ווען ס'איז געקומען די צײַט צו קויפן אַ פערד, איז דער זיידע געווען אַרײַנגעטאָן אין דעם איבערן קאָפּ. ראַלף האָט פאַרלאָרן דאָס געדולד אַרומצולויפן מיטן פאָטער איבער אַלע פערדמערק און באַקוקן צענדלינגער פערד. נאָר דער זיידע האָט דערפון שטאַרק הנאה געהאַט און ס'איז אים צוגעקומען אַ שטיק געזונט דערפון.

געקויפט דאָס פערד האָט ער פאַר אייגענע געלט, וואָס ער האָט יאָרן־לאַנג געהאַט אָפּגעשפּאָרט. צום פערד האָט מען צוגעקויפט אַ בריטשקע און דער זיידע איז געווען גרייט אַרײַנצושטעלן שויבן. אמת, ס'איז געווען לײַכטער

צו טראָגן אַ שויב אונטערן אָרעם ווי צו מאַכן פּאַר דעם פּלאַץ אין וואָגן. נאָר אַרבעט האָט דער זיידע געהאַט זייער ווינציק. און ווען ער האָט געדאַרפט ערגעץ ווו אַרײַנשטעלן אַ שויב, איז דאָס בײַ אים איצט געווען אַ וויכטיקע געשעעניש. מע האָט געדאַרפט שפּאַנען עליען, מע האָט געדאַרפט אַרומפּוצן די כאַרשטויבטע ברישקע, מע האָט געדאַרפט אײַנדעקן דאָס קעסטל מיט גלאָז און שטרוי, אַז עס זאָל ניט באַשעדיקט ווערן פון אַ שטאַרקן שאָקל.

די קינדער זײַנען געווען צופרידן, וואָס זייער טאַטע איז באַשעפטיקט מיטן פערד.

אַ מאָל פלעגט דער זיידע אַרײַנזעצן די אייניקלעך אין דער ברישקע און זיי ווײַזן, ווי גוט עליע פאָרט. נאָר עס זײַנען צוגעקומען אַזוי פיל אייניקלעך, אַז דער זיידע האָט געמוזט אויפגעבן זײַן פּלאַן.

געקומען זײַנען זיי אַלע זונטיק. אַ צען אייניקלעך האָבן געוואָלט פאָרן מיט עליען. פּלאַץ איז געווען בלויז פאַר צוויי.

אמת, ראַלף האָט געוואָלט אײַנשפּאַנען עליען און פירן די קינדער, נאָר דער זיידע האָט ניט געלאָזן. ראַלף האָט אים בלויז געמעגט העלפן אײַנשפּאַנען, נאָר האַלטן די לייצעס האָט ער קיינעם ניט דערלויבט. עליע האָט באַלאַנגט

צו אים אין זיי האָבן זיך ביידע פאַרשטאַנען. מער קיינער ניט.

לעצטנס האָט מען, ווײַזט אויס, אויפגע־הערט צו ברעכן שויבן, ווײַל חדשים לאַנג איז מען ניט געקומען צו לאַפּידוסן, דעם אַלטן גלעזער, ער זאָל אַרײַנשטעלן אַ שויב. און ווען מע איז שוין אַ מאָל יאָ געקומען, פּלעגט זיך דער זיידע אַרויסדרייען פון דער אַרבעט. דאָ איז אים געווען צו ווײַט צו פאָרן, דאָ איז אים ניט געפעלן געוואָרן דאָס אויסזען פון דעם אַרבעטסגעבער...

ראַלף, דער ייִנגסטער זון, האָט שוין אויך חתונה געהאַט און ער איז געווען פאַרנומען מיט זײַן נײַער היים. דער זיידע האָט אָבער געבענקט נאָך אַ פערדמאַרק. אַליין האָט ער ניט גע־וווסט וווהין צו גיין. ער האָט זיך געשעמט צו בעטן ראַלפן, אַז ער זאָל מיט אים אַרויספאָרן אָנקוקן פערד. ער האָט געוווּסט, אַז ראַלף דאַרף דעם פרײַען טאָג פאַרברענגען מיט זײַן יונג ווײַבל, דאָך האָט דער זיידע ניט אויסגעהאַלטן. איין מאָל און נאָך אַ מאָל שטילערהייט, אַז די באָבע זאָל נישט הערן, אים געבעטן, אַז ער זאָל אויסגעפינען, ווו מע קאָן זען אַ סך פערד.

ראַלף האָט ליב געהאַט זײַן ווײַבל און זי האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אויפן זונטיק, ווען איר מאַן וועט מיט איר פאַרברענגען דעם

גאַנצן טאָג. און דאָ זאָגט איר ראַלף אָן די שלעכטע בשורה, אַז ער מוז מיטן אַלטן גיין אָנקוקן פערד.

— פאַרשטיי, עטל טייערע, פּאָפּ דאַרף אויך האָבן פאַרגעניגן און איך וויים. אַז ער וועט דיר דאַנקבאַר זײַן פאַר דעם זונטיק, וואָס דו האָסט מיך אָפּגעגעבן צו אים.

דער זיידע האָט זיך געהאַט אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ ווײַס העמד און אַ שוואַרצן שניפּס, אַ זאַך, וואָס ער האָט זעלטן געטאָן, ווײַל ער האָט פײַנט געהאַט שניפּסן. ער האָט אָפּגעפּוצט זײַנע שיך אַזוי, אַז זיי האָבן געגלאַנצט, האָט זיך אין שפּיגל פאַרקאַמט דאָס בערדל.

און צו דער באָבען האָט ער געזאָגט:

— דבורהלע, איך גיי אײַנקויפן אַ נײַ פערד.

און ער האָט עס טאַקע געמיינט. ווײַל ווען ער איז געקומען אויפן פערדמאַרק און דערזען אַזאַ אויסוואַל פון שיינע גראַציעזע פערד פון אַלע קאָלירן און פאַרשיידענער הייך, האָט ער זיך אין גאַנצן פאַרגעסן און אָנגעהויבן אײַנריידן ראַלפן, אַז ער וויל קויפן נאָך אַ פערד. קוים מיט צרות האָט אים ראַלף אָפּגערעדט דערפון.

ראַלף איז געווען זײַן בעסטער זון, ווײַל ער האָט ניט אָפּגעלאַכט פון אים, נאָר זיך אינ־טערעסירט ווי דער טאַטע זײַנער מיט פערד.

— ווען איך וועל שטאַרבן, ראַלף, זאָלסטו צונעמען עליען צו זיך. זאָלסט אים ניט פאַרקויפן. הערסט, וואָס איך זאָג דיר? — האָט עטלעכע מאָל דער זיידע אָנגעזאָגט ראַלפן.

.4

ווען די באָבע פלעגט גיין צו די קינדער צו גאַסט, האָט איר דער קאָפּ אָנגעהויבן ווייטאָן פון טומל און האַרמידער. יעדער איז געווען גוט צו איר. יעדער האָט זיך געוואָלט אויספּײַנען פאַר איר.

— מאַמע, גיב אַ קוק, וואָס איך האָב געקויפט פאַר לעניען...

— באָבע, זע, וואָס איך האָב געמאַכט אין סקול ...

— שוויגער, נעמט עפּעס אין מויל אַרײַן.

ס'איז געווען גוט. די באָבע האָט אָנגעקוואָלן. ווער האָט זיך געקאָנט דאַן פאַרגלײַכן מיט איר? מע איז געקומען צו איר אין הויז מיט אַ מאַשין און זי אַהיים געבראַכט אין אַ מאַשין. און טאָמער האָט אַ קינד זיך ניט געהאַט אַרויפגעאַרבעט צו אַן אייגענער קאַר, האָבן זי די קינדער געפירט אין אַ טעקסי. מע האָט ניט געלאָזט די אַלטע מאַמע זיך שלעפּן אין טראַמווײַ אָדער קריכן אין אַ סאָבוועי. טײַערע קינדער בײַ איר, גאָלדענע אייניקלעך. אַ לעבן אויף זיי.

נאָר שטענדיק, אין סאַמע מיטן יום־טוב, ווען דאָס גאַנצע הויז האָט זיך געפרייט מיט דער באָבען, האָט זי זיך פלוצלונג דערמאָנט אָן נאָך אַ מיטגליד פון דער מישפּחה — אָן עלקען.

— ווער ווייס, וואָס דער פויגל טוט דאָרט... איבערגעלאָזט אים אַליין... אַ רחמנות... נעבעך, כאָטש פאַרן אוועקגיין האָב איך אויסגעריי־ניקט די שטײַג און איבערגעלאָזט גענוג צום עסן און טרינקען. נאָר אַ פויגל איז ווי להבדיל אַ מענטש, האָט מורא אַליין צו בלײַבן אין אַ פוסטן הויז.

און נאָך דעם, ווי זי פלעגט זיך אָנהערן וועגן אַלע קלוגע רייד פון די אייניקלעך און אויסהערן אַלע טענות און מאַנות, וואָס די קליינע האָבן געהאַט איינע צו די אַנדערע, פלעגט די באָבע אויסדערציילן עלקעס חכמות: ווי דער פויגל איז אַ בר־דעת; ווי מע דאַרף אויפּפּאַסן אויף אים ווי אויף אַ קליין קינד. די באָבע פלעגט אָנקוועלן, ווען דער עולם האָט געלאַכט פון איר דערציילן. נאָר צו פיל האָט זי ניט ליב געהאַט צו ריידן. „אַן אַנדערש מאָל“—פלעגט זי זאָגן. אָדער:

— „גענוג, גענוג, ס'איבעריקע וועט אײַך עלקע אַליין אויספּלאַפּלען“.

ווי גוט זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען—די באָבע און עלקע.

געהאַלטן האָט מען דעם פויגל אין אַ גרויסער גרינער שטייג, אין קיך. די שטייג האָט געהאַט צוויי שטאָפּעלעך. געוויינטלעך פלעגט עלקע זיך אויפהאַלטן אויפן ערשטן שטאַפּל. זי פלעגט מערסטנס זײַן באַשעפטיקט מיט זיך— רייניקן די פעדערן, שאַרפן אָן די גראַטעס דעם שנאָבל, קנאַקן קערלעך, אָדער ריידן צו זיך אַליין—מורמלען, שלוקערצן, קראַקען.

ווען די באָבע פלעגט ניט זײַן, פלעגט איר ווערן אומעטיק. דער זיידע פלעגט זיך פאַרטיפן אין אַ בלאַט און איר ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט.

ווען אים פלעגט אויך ווערן אומעטיק, פלעגט ער דאַן צוגיין צו דער שטייג און פרוּוון זיך פאַרווײַלן מיט עלקען. ער פלעגט זיך רייצן מיט איר, אַרײַנשטעלן אַ פינגער אין שטייג און זי פלעגט בייז אים ווערן אַ פּיק טאָן מיטן שנאָבל, אָדער אים ווערן פאַרקלעמען אין אירע געדרייטע נעגל. דער זיידע איז אָבער געווען פלינקער פון איר. ער פלעגט אַרויסכאַפּן דעם פינגער אין צײַט—און לאַכן און זאָגן צו איר:

—הא, פאָלי, ניט אַנדערש נאָר דער פינגער ווילט זיך דיר? נאַ דיר אַ בלײַפעדער און פּיק

אים, ווייפל דו ווילסט... נא, רוף: „באָ—בע—ע!"..
ווי איז די באָבע פּאַלי? באַלד קומען באָבע.

עלקע פלעגט קוקן אויף אים, מאָנען בײַ אים די באָבע און מיט אַ מאָל פלעגט זי זיך צעקוויטשען און עפענען אַ מויל, אַז מע האָט געקאָנט הערן אין גאַס: „באָ—בע! באָבע! באָבע!" און נאָך דעם גלאַט קוויטשען אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, גיך—גיך.

דער זיידע פלעגט ווערן אין כּעס און שרײַען צו איר:

— נו, גענוג שוין!

זי פלעגט זיך נאָך העכער צעקוויטשען און דער זיידע פלעגט זיך מיט ביידע הענט פאַרשטעלן די אויערן און שרײַען צו איר:

— משוגענער פויגל! שווײַג, זאָג איך דיר!

נאָר די פּאַלי, ווי אויף צו להכעיס, האָט ניט אויפגעהערט. דאַן האָט איר דער זיידע געגעבן אַ שטיקל עפּל, אָדער חלה, אײַנגעטונקט אין זיסער קאַווע. ערשט דאַן פלעגט זיך פּאַלי באַרויִקן און ווידער נעמען צו דער אַרבעט: שאַרפן דעם שנאָבל און רייניקן די פעדערן אירע.

דערפאַר, אַז די באָבע איז נאָך געשטאַנען אויף יענער זײַט טיר, האָט שוין עלקע דערקאָנט אירע טריט און זיך דערפרייט מיט זיי. און ווען די באָבע האָט זיך באַוויזן אין קיך, איז

ווי זי האָט נאָר אוועקגעשטעלט די פּעקלעך, וואָס זי האָט געבראַכט, איז זי באַלד צוגעגאַנ־גען צו עלקען. עלקע איז שוין דאַן אַראָפּגע־קראָכן אויפן נידעריקערן שטאָפּל און געוואָר־קעט פון צופרידנקייט. די באָבע פלעגט איר דאַן געבן אַ פינגער. נאָר עלקע האָט אים ניט געפּיקט. אָנשטאָט דעם אים אַרײַנגענומען פאַר־זיכטיק אין אירע נעגל און אים געהאַלטן אַזוי און געקוקט אויף דער באָבען מיט פרײַנטלעכע אויגן. און די באָבע פלעגט זאָגן צו איר:

— שײנע פּאַלי! געבענקט נאָך דער באָבען?

דאָ פלעגט זיך דער זיידע אַרײַנמישן, פאַרזשמו־רען די בלויע אייגעלעך און אַרויסשיסן:

— הַלְוַאי גיט ער דיר אַ ביס. איך וואָלט זיך מְחַיֶה געווען, אַזוי ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן!

די באָבע פלעגט דאַן ענטפערן גיך:

— אַלץ בעסער ווי דײַן עליע, וואָס קערט איבער דעם עמער שפּײַז, ווען מע ברענגט אים עסן.

ווען באָבע־זיידע פלעגן זיך אַ מאָל צע־ווערטלען און ריידן הויך און היציק, פלעגט עלקע ניט קאָנען פאַרלײַדן. זי פלעגט זיי נאָכ־מאַכן, ווי זי וואָלט זיך אויך אַרײַנמישן אין זיי־ער שמועס. און אָפט פלעגט זי שרײַען אַזוי הויך, אַז זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרזעצן זייער

ריידן. דאַן פּלעגט די באָבע ווערן אין כּעס און אויסשרײַען צו עלקען:

— „שאַראַפּ! שווײַג, דו, מרשעת, דו!"

נאָר עלקע פלעגט איר ענטפערן מיט אַ נאָכקרים, פון וואָס די באָבע פלעגט נאָך מער בייז ווערן און פון וואָס דער זיידע פלעגט הילכיק לאַכן:

— זעסט, אפילו עלקע איז מיט דיר ניט אײַנשטימיק. איאָ, עלקע?

און ער פלעגט צוגיין צו דער שטײַג און פּרוּוון אַרײַנשטעקן אַ פינגער.

די באָבע פלעגט עס דערזען און אויסרופן:

— הלוואַי גיט זי דיר אַ ביס, זאָלסט האָבן צו געדענקען!

ווען די זון פלעגט שײַנען אויף איר, פלעגט עלקע זיך פילן גוט און אָנהייבן זינגען, פּרוּוון נאָכמאַכן דעם קאַנאַריק, וואָס ראַלף האָט געהאַלטן אין זײַן צימער, איידער ער האָט חתונה געהאַט און זיך אַרויסגעקליבן פון דאַנען.

עלקע פלעגט ווען זינגען סאָפּראַן, נאָר עס פלעגט אַרויסקומען קאָמיש, און די באָבע פלעגט איר אַרויסהעלפן:

— שיין, פּאָלי, אוי, ווי שיין!

◆◆◆◆◆◆

5.

עלקע האָט פײַנט געהאַט טומל אין הויז. ווען דערוואַקסענע מענטשן פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין קיך און אָנהייבן היצן זיך וועגן פּאָליטיק, האָט עלקע דאָס ניט געוואָלט לײַדן. זי האָט נאָכגעמאַכט יענעם, וואָס האָט זיך געהיצט צום מערסטנס. זי האָט געשריִען, געקוויטשעט און איבערגעהאַקט די אַרגומענטן. טייל מאָל האָט זי זיך גוט אײַנגעהערט צו דער דיסקוסיע, געווען שאַ־שטיל. נאָר מיט אַ מאָל זיך אַ צעלאָזן געטאָן מיט אַ געקוויטש, ווי זי וואָלט אויך גענומען אַ וואָרט און אַרויסגעזאָגט איר מיינונג וועגן דער פּראַגע. זי האָט זיך אויך געהיצט. נאָר וואָס זי האָט געזאָגט, האָט קיינער ניט פאַרשטאַנען. ס'איז אָבער קלאָר געווען פון איר ערנסטן טאָן, אַז די זאַך גייט איר שטאַרק אָן.

דערפאַר איז עלקע געוואָרן אַן „אַנדער מענטש", ווען די אייניקלעך האָבן זיך באַוויזן אין קיך. דאָס פלעגט געוויינטלעך פּאַסירן זונטיק נאָך מיטאָג. עלקע איז דאַן געווען אַן אויסגעצוואָגענע, אַ זאַטע. די העלע קאָלירן פון די מיידלשע קליידלעך האָבן עלקען גלײַך געמאַכט פרייַלעך און איבערהויפּט זײַנען איר געפעלן די הילכיקע שטימעלעך פון קליינוואַרג.

אזוי שנעל ווי די קינדער זײַנען אַרײַנגע־קומען, איז עלקע גלײַך אַרונטער אויפֿן אונטערשטן שטאַפּל און אָנגעהויבן וואָרקען גוטמוטיק, ווי זי וואָלט די קינדער צוגערופֿן צו זיך. נאָר דאָס איז ניט געווען נייטיק, ווײַל די קינדער האָבן זיך גלײַך אַ לאָז געטאָן צו איר, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך צעקושט מיט דער באָבען.

דעם זיידן האָבן זיי ניט גערן געקושט, ווײַל ער האָט זיי געשטאָכן מיט זײַן באָרד און וואָנצעס.

די קינדער האָבן די ערשטע זאַך אָנגעהויבן ריידן צו עלקען:

— האַלאָ, עלקע! וואָס מאַכסטו, עלקע?

נאָר עלקע האָט געשוויגן און זיי באַקוקט און הנאה געהאַט פֿון זייערע קולות.

— זאָג: „באַ—בע!" זאָג: „האַלאָ!"

עלקע האָט עפּעס געמורמלט צופֿרידן, ווי זי וואָלט װעלן, אַז די קינדער זאָלן ניט אויפֿהערן ריידן. זי האָט אַ בייג געטאָן איר קעפּל אויף אַ זײַט, ווי זי וואָלט בעסער װעלן הערן זייערע שטימעס. דאַן האָבן די קינדער אָנגעהויבן רייצן זיך מיט איר, אַרײַנשטעקן אַ פֿינגער אין שטײַג.

עלקע האָט געוואָרטשעט, ווי זי וואָלט געזאָגט: „ניין, טוט דאָס ניט". און ווען די קינדער

האָבן ניט געפאָלגט, האָט זי זיי געדראָט מיט איר שנאָבל און ווידער געמורמלט, וואָס דאָס האָט געמיינט: „רעדט צו מיר מיטן מויל, נאָר טשעפּעט מיך ניט מיט די הענט".

ווען די קינדער האָבן פאַרלאָזן עלקען און זיך אַוועק שפּילן אין אַנדערן צימער, האָט עלקע אָנגעהויבן זיי צוריקרופן. זי האָט געמאַכט אַלערליי קונצן, וואָס זי האָט גערעכנט, אַז זיי וועלן די קינדער צוריקברענגען צו איר. זי האָט געשריִען: „באָבע!"; זי האָט אַזוי פייַן אויסגערופן: „האַלאָ, פּאָלי! גודבאַי — גודבאַי! שאַראַפּ נאָיס פּאָלי!"

די קינדער האָבן דאָס געהערט און זיי זייַנען אַרייַנגעקומען צוריק און אַרומגערינגלט די שטייַג. די פּאָלי האָט דאַן געלאַכט צו זיי און אַזוי זיס געזונגען, ווי דער קאַנאַריק. די קינדער האָבן זיך געהאַלטן בייַ די זייַטן פון געלעכטער און די פּאָלי האָט מיטגעלאַכט מיט זיי און זיך אויך אַמוזירט. מע האָט דאַן דערפילט, אַז זי איז אויך ווי אַ קינד און מע וואָלט זי געדאַרפט אַרויסלאָזן פון שטייַג און זיך לאָזן שפּילן מיט די קינדער אויף דער פרייַ.

די באָבע האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון איר עלקען, וויאָס זי אַמוזירט די קינדער און וואָס זי איז דעם ערשטן מאָל אין אַ גאַנצער וואָך אַזוי פריילעך. די באָבע פלעגט דאַן צוגיין צו

דער שאפע און ארויסנעמען א וואזע מיט גרינע, גרין-בלויע און רעגנבויגן-קאָלירטע פעדערן, וואָס זי פלעגט צונויפקלייבן פון דער שטײַג. ווען זי פלעגט עלקען ארויסנעמען און איר געבן א באָד. די באָבע האָט דאן די אייניקלעך געגעבן די פעדערן און שטאָלצירט מיט זייער שיינקייט און גרינקייט.

— נאָר זעט, באהאלט זיי פון דער פאָלי, ווײַל זי ווערט אין כּעס, ווען זי זעט די פעדערן — פלעגט זי בעטן די קינדער.

אירע בעסטע קונצן פלעגט עלקע אויך אויספרווון, ווען זי האָט דערזען, אז די קינדער טוען זיך אָן אהיים צו גיין. ווען זיי פלעגן צו-גיין צו דער טיר, האָט עלקע אָנגעהויבן אויס-רופן:

— גודבאַי! גודבאַי!

נאָר געטאָן האָט זי עס אזוי צארט, ווי נאָר מעגלעך. און באלד נאָך דעם האָט זי אָנגעהויבן אויסזינגען איר „האלאָ, פאָלי!" און „באָבע!"

די קינדער פלעגן צוגיין צו דער שטײַג זיך געזעגענען מיט איר. זי פלעגט דערפילן, אז זיי פארלאָזן זי און מע האָט געזען, ווי זי שפרינגט ארום נערוועז איבער דער שטײַג, ווי זי וואָלט וועלן ארויס און זיי באגלייטן, אָדער ווי זי וואָלט זיך געבעטן בײַ זיי, אז זיי זאָלן זי ניט פארלאָזן

◆◆◆◆◆◆

6.

נאָר צוויי װאָכן האָבן עלקען אַרײַנגעבראַכט אין אַן אויפגערעגט, פרייליך געמיט. דאָס איז געווען, ווען זי פלעגט דערהערן דאָס רוישן פון אַן אעראָפּלאַן. נאָך איידער עמעצער אין הויז האָט עס געקענט דערהערן, האָט עס שוין עלקע דערפילט און דערהערט און זי האָט אָנגעהויבן דרייען דעם קאָפּ אויף אַרויפצו און זיך דראַפּען איבער די גראַטעס פון איר שטײַג, ווי זי וואָלט וועלן אַרויס. כאָטש זי האָט געשוויגן דאַן, האָט אָבער די באָבע גלײַך באַמערקט, אַז עלקע איז אומרויִק. זי פלעגט דאַן עפענען דאָס פענצטער און קוקן אין הימל אַרײַן. און באַלד האָט זיך טאַקע דערהערט דאָס ברומיקע רוישן פון אַ לופטמאַשין. וואָס נענטער דאָס רוישן, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן די אומרו בײַ עלקען. און ווען מע האָט שוין געקענט זען דעם אעראָפּלאַן איבערן קאָפּ, דאַן האָט עלקע ווי געציטערט פון אויפרעגונג און אָנגעהויבן וואָרטשען צו זיך אַליין. האָט זי געציטערט פון מורא, מײנענדיק, אַז דאָס קומט אַ שונא אויף איר? אָדער האָט זי מקנא געווען דעם דרויסנדיקן פויגל זײַן פרײַהייט? ווער ווייס? נאָר רויִק איז עלקע קיין מאָל ניט געווען, ווען אַן אעראָפּלאַן איז געפלויגן איבער איר געגנט. אַפילו ווען זי

איז געשמאַק געשלאָפֿן, פֿלעגט זי זיך אויפֿכאַפּן און אָנהייבן זיך רײַסן אויף דער פֿרײַ, ווען זי האָט דערהערט דעם אעראָפּלאַן.

די צווייטע זאַך, וואָס האָט עלקען אויפֿגעֿ רודערט, איז געווען, ווען די באָבע פֿלעגט מאַכן אַ פֿײַנקוכן פֿון אייער. דער רֵיח פֿון געפּרעגלטע אייער האָט עלקען ווילד געמאַכט. זי פֿלעגט אָנהייבן ארומטאַנצן איבער דער שטײַג, אַרויס־ שטעקן דעם שנאָבל, די אויגן פֿלעגן ווערן גיריק און מע האָט געקאָנט זען, אַז זי גייט אויס נאָך אַ נאַש פֿון פֿײַנקוכן. די באָבע האָט עס געֿ ווּסט און זי פֿלעגט דאַן ריידן צו עלקען און איר צוזאָגן, אַז זי וועט איר געבן איר חֵלק:

— באַלד, באַלד, עלקע. וועל איך דיר געבן אַ שטיקל. זע נאָר, ווי עס ברענט בײַ איר, ווי זי וואָלט אויסגעגאַנגען פֿון הונגער. אַזאַ נאַשערן!

ווען די באָבע פֿלעגט אויף אַ גאָפּל צוטראָגן אַ שטיקל פֿײַנקוכן צו דער שטײַג, פֿלעגט עלקע שוין שטיין אויף די גראַטעס און מאַכן: „אײ! אײ!“ דאָס האָט געמיינט: „שנעלער, שנעלער! עס גייט מיר אויס די נשמה!“

פֿײַנקוכן איז געווען איר באַליבטסטער מאכל, און אויך אַלץ, וואָס איז געווען געפּרעגלט מיט אייער, ווי אַ שטייגער, געפּרעגלטע חַלָה. דאָס די באָבע פֿלעגט מאַכן זונטיק, ווען ס'פֿלעגט איבערבלײַבן חלָה פֿון שבת.

ניט בלויז דערפֿאַר, וואָס די באָבע האָט איר געגעבן אַלע גוטע זאַכן, האָט עלקע זי ליב געהאַט. איין מאָל אין וואָך פֿלעגט די באָבע עלקען געבן אַ באָד אין באָדצימער. זומערצײַט, אין די גרויסע היצן, פֿלעגט די באָבע איר געבן אַ קאַלטן שפּריץ יעדן צווייטן טאָג. אײַ, האָט דאָס עלקע ליב געהאַט! און ניט בלויז עלקע. נאָר די באָבע אַליין האָט אויך הנאה געהאַט דערפֿון און עס דערציילט דעם זיידן, וועלכער פֿלעגט דאַן ניט שפּאַסן מיט דער באָבען, נאָר ער פֿלעגט זיך אויך פֿרייען דערפֿון, וואָס די באָבע פֿרייט זיך.

די באָבע האָט זיך געגרייט צו עלקעס באָד, ווי זי פֿלעגט עס אַ מאָל טאָן מיט אירע אייגענע קינדער, ווען זיי זײַנען געווען פּיצלעך. ווי אַ גוטע באַלעבאָסטע האָט זי ליב געהאַט ריינקייט, און ווען איר קינד איז געווען אויסגעבאָדן און דאָס גאַנצע קערפּערל איז געווען אַזוי פֿריש און שיין און געזונט, איז דער באָבען אַליין צוגעקומען אַ שטיק געזונט דערפֿון.

דאָס זעלבע האָט איצט פּאַסירט מיט עלקען. אַזוי גיך, ווי עלקע האָט זיך דערזען אין דער וואַנע, האָט זי שוין געוווּסט, אַז מע וועט איר געבן אַ באָד. זי האָט שוין באַצײַטנס, נאָך איידער אַ טראָפּן וואַסער האָט זי באַרירט, זיך אָנגעהויבן אויסגלײַכן די פֿעדערן און אויסציִען זיך. די באָבע פֿלעגט פֿריִער לאָזן לויפֿן אַ ביסל

דאָס וואַסער פֿון שפּריץ און אונטערהאַלטן די־
האַנט — זען, צי דאָס וואַסער איז ניט צו קאַלט,
אָדער צו וואַרעם. אָט אַזוי ווי זי פֿלעגט עס אַ
מאָל טאָן בײַם באָדן אַ קינד.

אין דער זעלביקער צײַט פֿלעגט זי ריידן
צו עלקען:

— באָבע וועט געבן אַ באָדעלע. עלקע וועט
זײַן אַ נאַיס פּאָלי, נאַיס פּאָלי... עלקע וועט זינ־
גען: „האַלאָ, באָבע!"

עלקע פֿלעגט זיך צוהערן צו דער באָבעס
רייד און זיך דערוויל דורכשפּאַצירן איבער דער
וואַנע. ווען דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבן רעגע־
נען אויף איר, האָט זי אָנגעהויבן מאַכן אויס־
רופֿן, ווי אַ קינד אַ שטיפער, וואָס קוויטשעט
פֿון הנאה, ווען עס שטייט אונטער אַ שפּריץ.

די באָבע פֿלעגט אָנקוועלן פֿון עלקעס אויס־
זען דאַן. זי פֿלעגט צעשפּרייטן אירע פֿליגל.
אירע פֿעדערן פֿלעגן ווערן גרינגער, גלאַנציקער,
ווי אַ גרינער בוים נאָך אַ זומערדיקן רעגן. עלקע
פֿלעגט זיך לאָזן אויסבאָדן. די באָבע פֿלעגט
פֿונאַנדערנעמען אירע פֿליגלען און זען, אַז דאָס
וואַסער זאָל דערגרייכן אומעטום. און ווען זי־
פֿלעגט דעם פֿויגל אַרײַננעמען אין אירע הענט
אַרײַן, פֿלעגט עלקע זיך ווי צוטוליען צו דער
באָבעס דלאָניעס. די באָבע פֿלעגט זי דאַן גלעטן
און קיצלען דאָס קעפּל.

עלקען איז אפילו ניט איינגעפאלן צו געבן
דער באבען א פיק מיט איר שארפן שנאבל.
ניין, אלעמען יא, נאר ניט דער באבען.

ביים באדן זיך האט עלקע אנגעהויבן אויס-
זינגען אירע שענסטע לידער.

איבערהויפט האט זי דאן געוואלט זינגען
ווי א סאפראנא. זי פלעגט זיך חנדלען און
ציקלען און לאכן הויך צו זיך אליין

די באבע האט איר צוגעגעבן מוט:

— שיין, שיין, עלקע. איי, ווי שיין דו
זינגסט! זינג, זינג, קאנאריקל — — —

און די באבע פלעגט זיך צעלאכן און עלקע
פלעגט איר גלייך נאכמאכן.

געבאדן דעם פויגל האט די באבע תמיד,
ווען קיינער איז אין הויז ניט געווען און ווען
זי האט קיינעם ניט דערוואַרט. טאמער האט
עמעצער געקלונגען אדער געקלאפט אין טיר,
פלעגט די באבע ניט ענטפערן, נאר זיך בייזערן,
וואס מע וויל איר שטערן אין אזא וויכטיקער
ארבעט ווי באדן עלקען.

ווען דער זיידע פלעגט אנקומען, פלעגט
די באבע אים איבערגעבן מיט אלע איינצלהייטן,
ווי די באד איז צוגעגאנגען.

— איך זאג דיר, ברוך, אז מע דארף אין
קיין טעאטער ניט גיין, ווען מע זעט, וואס
פאר א שטיק זי מאכט, ווען מע גיט איר א באד.

איר זינגען, אירע קונצן, איר אַרומדרייען זיך אין וואַנע... הײַנט ווי שיין זי ווערט דאַן, ווען די פעדערן צוואָגן זיך אויס און ווערן אַזוי גלאַט און גלאַנציק ווי סאַמעט.

דער זיידע פאַרזשמורעט דאַן די בלויע אייגעלעך און וויל שוין אַרויסשיסן מיט עפּעס אַ חָכמָהלע. נאָר דערזעענדיק, ווי די באָבע קוועלט אָן, באַשליסט ער ניט איבערצורײַסן איר ענטוזיאַזם און ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ און הערט זי אויס געהאָרכזאַם און ווײַזט אַרויס זײַן צופרידנקייט.

7.

עליע האָט געלעבט אָן איינזאַם לעבן אין שטאַל. וואָס האָט זיך געמוּנען לעבן זײַן באַלעבאָס׳ וווינונג. צו אים זײַנען קיין קינדער ניט אַראָפּגעקומען. ער האָט קיין קונצן ווי די פּאָלי ניט געקענט באַווײַזן. אין דער פינצטער האָט ער פאַרבראַכט זײַן צײַט, געהירזשעט, ווען ס׳איז אים געווען אומעטיק, געציטערט פון שרעק, ווען עס האָט אין דרויסן געדונערט און געבליצט, געפרייט זיך, ווען ער האָט דערשמעקט דעם זיידנס טריט.

פון צוויי אֶמֶתע פאַרגעניגנס האָט עליע געוווּסט: ווען דער זיידע האָט אָן עפן געטאָן

בריינגט די טיר פון שטאַל און אַ זאָג געטאָן צו אים אויף ייִדיש:

— „עליע, מאַרש אַרויס! אָט אַזוי. גלייך אויס די ביינער דיינע!“

דאַן איז עליע אַרויסגעלאָפן אין קליינעם הויף און, ניט האָבנדיק קיין סך פּלאַץ, זיך געדרייט אַרום און אַרום, אַלץ שנעלער, ווי ער וואָלט וועלן אָניאָגן פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געשטאַנען אינעווייניק אַ פאַרלאָזענער.

דער זיידע איז געשטאַנען אין מיטן און האָט געקאָמאַנדעוועט:

— „האָ, האָ, עליע, זײַ ניט ווילד, האָ!“

גוט איז אים דאַן געווען, עליען, און דעם זיידן אויך, ווײַל ביידע זײַנען געווען פאַרנומען מיט עפּעס, וואָס האָט זיי צופרידנגעשטעלט.

דער זיידע איז לעצטנס געוואָרן שוואַכער און דערפאַר האָט ער שוין עליען זעלטן אײַנגעשפּאַנט אַרויסצופאָרן איבער דער שטאָט, זיך דורכפאָרן אויף אַ דזשאַב. אמת, שויבן זײַנען נאָך אַלץ געבראָכן געוואָרן; ייִנגלעך, וואָס האָבן געשפּילט אין באַל, האָבן אַ מאָל געטראָפן גלייך אין שויב אַרײַן און אַנטלאָפן, ווו דער פּײַפער וואַקסט. דאָרט, ווו עס האָט געטראָפן, האָט מען באַלד אַ טראַכט געטאָן פון אַלטן לאַפּידוסן מיטן גרויען בערדל. וואָס וועט קומען אַרײַנשטעלן

אַ שיבּ אויף אַ בּריטשקע־פערד. ווען מע איז געקומען צו אים וועגן דזשאָב, האָט זיך דער זיידע געפילט גוט, וואָס מע נייטיקט זיך אין אים, אָבער ער האָט אָפּגעזאָגט און דערבּײַ, ווי זײַן שטײגער איז געווען, זיך געחכמהט:

— מיסעס—האָט ער געזאָגט—עס לוינט זיך מיר ניט אײַנשפּאַנען מײַן עליען, מײַן שקאַפּע, הייסט עס, צוליבּ איין שיבּ. אָט ווען איר האָט כאָטש אַ טוץ שיבּן אַרײַנצושטעלן, דאַן וואָלט געווען עפּעס אַנדערש. עס לוינט זיך מיר ניט דער עסק. איר פאַרשטייט?

אָדער:

— קומט אַרײַן אין הויז, מיסטער, לאָמיר אַ ביסל אַ שמועס טאָן. וואָס האָט איר קיין צײַט ניט? אָן אַ שויבּ וועט זײַן מער לופט. איך האָבּ געלייענט אין בּלאַט, אַז עפּעס אַ פּראָפעסאָר האָט דערפונדן אַזאַ מין סאָרט גלאָז, וואָס בּרעכט זיך ניט... קומט, זעצט זיך צו אַ ווײַלע. אויבּ איר טרינקט, וועל איך אײַך מכבּד זײַן מיט אַ גלעזל משקה. אַניט, קענט איר בּײַ מיר קריגן אַ קאַלטן טרונק פון קראַן.

אָבער יענער איז געווען פאַרדאגהט וועגן אַ שויבּ און אַ גלעזער, ווײַל ער האָט געזען, אַז דעם אַלטן ליגן ניט מער זײַנע געשעפטן אין קאָפּ. און ווען ער איז געוואָרן אומגעדולדיק און

געוואָלט וויסן פון זיידן וועגן אַן אַנדער גלעזער, האָט דער זיידע זיך כּלומרשט אָנגעבלאָזן און געטענהט:

— וואָס, איך זאָל אײַך זאָגן, ווי עס ווײַנט אַן אַנדער גלעזער? מע שיקט ניט די קאַץ נאָך סמעטענע, מײַן פרײַנד. נו, גוט. דאָס מאָל וועל איך אײַך אויסזאָגן.

אַזוי האָט דער עולם אויפגעהערט קומען צום זיידן וועגן געשעפט.

דאָס האָט געמײנט, אַז עליע האָט די שטאָט מער ניט אָנגעזען, ניט געטראָגן מער איבער די גאַסן אַ שטאָלצער און מענטשן זײַנען אים פון וועג געלאָפן.

ניט איין מאָל האָט ראַלף זיך געבעטן בײַם טאַטן, אַז ער זאָל פאַרקויפן עליען.

— טאַטע — האָט ער געזאָגט — עס איז אַ רחמנות אויפן פערד: דו האַלטסט אים אײַנגע־שפּאַרט ווי אין אַ טורמע. ער ווערט בײַ דיר אָפּגעשוואַכט. וואָלסטו מיך כאָטש געלאָזן אַרויס־נעמען אים יעדן זונטיק; איז מיך לאָזסטו ניט און אַליין קאָנסטו אויך שוין ניט פאָרן מיט אים... צו וואָס דאַרפסטו אים, טאַטע?

דער אַלטער האָט געפילט, אַז זײַן זון איז גערעכט, און ער האָט געצופּט דאָס בערדל, ווי זוכנדיק דאָרט אַן ענטפער פאַרן זון.

— כ׳וועל דיר זאָגן, ראַלף, אַז גערעכט ביסטו, נאָר איך בין אויך גערעכט. כ׳בין צו־געוווינט צו עליען און ער וועט מיר אויספעלן. אַזוי ווייס איך, אַז כ׳האָב אַ שטיקל יאָך אויפן קאָפּ. איך דאַרף אים געבן עסן און טרינקען, איך דאַרף רייניקן די שטאַל. ניין, לאַנג לעבן וועל איך דאָך שוין ניט, איז אַז דו וועסט אים איבערנעמען, וועסטו קאָנען אַרומרײַטן אויף אים יעדן זונטיק. אַזוי לאַנג ווי איך לעב, וויל איך האָבן עליען לעבן זיך.

אַ צווייטער אָמתער פאַרגעניגן פאַר עליען איז געווען, ווען דער זיידע האָט אים געגעבן אַ באָד. ווען ער האָט געגאָסן אויף אים די קאַלטע עמערס וואַסער אין די הייסע טעג, האָט עליע געפילט ווי צו שפּרינגען אין דער לופטן. ער האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף די הינטערשטע פיס און געשאָקלט מיטן קאָפּ צופרידן. זײַן ברוינע פעל איז געוואָרן ברוינער און געגלאַנצט, ווי זי וואָלט געלאַכט מיט אַ ברוינעם געזונטן געלעכטער...

עליע האָט דאַן אַנטבלויזט די גרויסע ווײַסע ציין, ווי ער וואָלט דורך דעם אויסגעדריקט אַ דאַנק צום זיידן.

אַזוי גוט האָט זיך עליע אויך געפילט, ווען מע האָט אים געוואַשן, מיט אַ באַרשט געקעמט אים און געצוואָגן. פריִער אים אויסגעקאַמט מיט

אַן אײַזערנעם קאַם, נאָך דעם־מיט זייף און וואַסער אים געבאַרשט, נאָך דעם־מיט אַ וואַסער־קישקע אויסגעצוואָגן. עליע פלעגט פאַרשקען מיט די נאַזלעכער. און ווען דער זיידע פלעגט דערנאָך צוגיין צו אים, פלעגט עליע אַרײַנשטעקן דעם קאָפּ אין די קעשענעס פון זיידנס רעקל און גע־זוכט דאָרט אַ קלעצל צוקער צי אַ מער.

אַז עליע פלעגט אַ מאָל אַרויס פון די כּלים, ניט וועלן צוריק אַרײַן אין דער שטאַל, איז גענוג געווען צו ווײַזן אים דאָס ווײַסע שטיקל צוקער — און ער איז געוואָרן שטיל און געפאָלגט, וואָס מע האָט אים געהייסן, ווי אַ גוט קינד.

דאָס וואָס זײַן ראַלף האָט מיט אים גע־רעדט וועגן רחמנות האָבן אויף עליען, האָט, ווײַזט אויס, געווירקט אויפן זיידן, ווײַל אײן מאָל, ווען דער זון איז געקומען צו אים אין אַ פרײַלינגדיקן טאָג, האָט ער זיך אָפּגערופן צו ראַלפן:

— אויב דו פּוילסט זיך ניט, ראַלף, קענסטו נעמען עליען און זיך דורכרײַטן אויף אים.

ראַלף איז געווען זייער צופרידן דערפון. ער האָט זיך איבערגעטאָן אין זײַן רײַטקאָסטיום, וואָס איז געהאַנגען בײַם פאָטער אין קליידער־אַלמער, זיך פאַרשנורעוועט די גרויסע שטיוול און, אַראָפּקומענדיק צו עליען אין שטאַל, אַ לאַכעדיקער אים אָנגעזאָגט די גוטע בשׂורה:

— עליע, אַלד באָי, מירן זיך דורכפֿאָרן אויף דער פרישער לופט. נאָר זאָלסט זײַן אַ לײַט און זיך ניט בריקען, הערסט?

עליע האָט געהערט, נאָר ער איז געווען אומגעדולדיק.

ראַלף האָט אים געפּאַטשט מיט די דלאָניעס איבערן רונדיקן גלאַטן בויך, געגלעט אים איבערן קאָפּ, געפּאַדיעט איבער אים, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו זייער אַ וויכטיקער מיסיע.

דער זיידע האָט געמוטשט זײַן דערבײַ און קאָמאַנדעווען אויף זײַן שטייגער:

— ראַלף, זאָלסט זײַן פּאָרזיכטיק. טרײַב אים ניט. אַניט, וועט ער זיך חלילה ראַספּלאָשען. זאָלסט אים געבן אַ טרונק אויפן וועג, הערסט?

און ווען ראַלף איז שוין געזעסן, אַזאַ הויכער, אויף עליען און עליע האָט זיך ניט גע־גלויבט, אַז ער איז ווידער געוואָרן אויפגעריכט און ער וועט זיך דורכטאַנצן איבער די גאַסן, איז דער זיידע געשטאַנען בײַ דער זײַט און מקנא געווען זײַן זון דעם פאַרגעניגן און באַ־דויערט אין דער זעלביקער צײַט, וואָס עליע פאַרלאָזט אים. ער האָט עליען אָנגענומען פאַר דער לייצע און אים אַרויסגעפירט אויף דער גאַס. און ווען ראַלף האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויפן

וועג, איז דער אַלטער געשטאַנען און אים לאַנג נאָכגעקוקט, ביז די שוואַכע אויגן זײַנע האָבן אים אָנגעהויבן טרערן.

ווען דער זיידע איז נאָכהער אַרויף אין שטוב, האָט ער געזאָגט צו דער באָבען:

— ניט געדאַרפט אים לאָזן אַליין פאָרן.

יענעם פרימאָרגן איז שוין דער זיידע געווען נערוועז: געהאַלטן אין איין אַרויסקוקן פון פענצטער, כּסדר געפרעגט, וויפל דער זייגער האַלט, און בכלל ניט געווען אין זײַן גוטמוטיקער לוין.

אַז ראַלף איז צוריקגעקומען, האָט ער דעם טאַטן געדאַרפט געבן אַ פולן באַריכט, ווי עס איז אים געגאַנגען, ווי עליע האָט זיך אויפגעפירט.

דער זון האָט דעם טאַטן דערציילט פריילעכע זאַכן וועגן עליען. און אַז די באָבע זאָל ניט וויסן, האָט דער אַלטער זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די שטיגן אַ קוק טאָן מיט די אייגענע אויגן און אַ טאַפּ טאָן מיט די אייגענע הענט זײַן גוטן פרײַנד עליען.

עך, ווען עליע וואָלט געקאָנט אַ רייד טאָן!

.8

בײַ די אַלטע אין הויז האָט מען זיך גע־גרייט צו אַ גרויסן יום־טוב. יעדן טאָג האָט זיך באַוויזן אַן אַנדער קינד, מערסטנס אַ טאָכטער, און געהאָלפן צוגרייטן עפּעס. מע האָט געדונגען אַ מאַן, וואָס האָט גערייניקט יעדן צימער, געוואַשן די פענצטער און פּאָלירט די דילן. די קינדער האָבן אָנגעטאָן נײַע פאָרהענגלעך אויף די פענ־צטער און געהאַלטן אין איין אײַנקויפן זאַכן פאַרן הויז און זאַכן פאַרן זיידן און דער באָבען.

מע האָט זיך געגרייט צו אַ חתונה.

וועמעס חתונה? אַלע קינדער זײַנען שוין געווען אויסגעגעבענע, די אייניקלעך זײַנען נאָך געווען יונג.

דאָס האָט מען זיך געקליבן פּראַווען אַ חתונה פאַר באָבע־זיידן. ניט גלאַט אַ חתונה, נאָר אַ גאָלדענע חתונה. עס איז געוואָרן 50 יאָר, זינט זיידע־באָבע זײַנען געוואָרן חתן־כּלה. אַז מע דערלעבט צוזאַמען אַזאַ־אַ חתונה, איז דאָס אַ גרויסער יום־טוב פאַר מישפּחה און פרײַנד.

זונטיק זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען בײַ דער אַלטער חתן־כּלה אין הויז זייערע אַלע קינדער: די פינף זין מיט די פינף שניר און די פינף טעכטער מיט זייערע פינף איידעמס.

צוויי טעכטער זײַנען געקומען פֿון אַן אַנדער שטאָט ספּעציעל צו דער חתונה. הײַנט די 22 אייניקלעך, פֿון װעלכע נײַן זײַנען געװען ייִנגלעך און דרײַצן מיידלעך.

מע קאָן זיך פֿאָרשטעלן, װאָס פֿאַר אַ טומל עס האָט געהערשט אין הויז.

אויסער דעם האָט מען אײַנגעלאַדן אַ פּאָר שכנים פֿון גאַס און אַזוי אַ פּאָר אַלטע גוטע פֿרײַנד.

צווישן זיי איז געװען די איטאַליענערין מיסיס לוקאַ. דער באָבעס אַן אַלטער גוטער פֿרײַנד, זינט זי האָט געוווינט אויף אָט דער גאַס.

מיסיס לוקא האָט געהאַט אַ גראָסערי (שפּײַז-קלייט), װאָס זי האָט איבערגעגעבן צו איר זון. כאָטש די באָבע און די איטאַליענערין האָבן ניט געקאָנט זיך צונױפֿריידן, װײַל ביידע האָבן קיין ענגליש ניט געקאָנט און מיסיס לוקא האָט קיין ייִדיש ניט פֿאַרשטאַנען, פּונקט װי די באָבע האָט קיין וואָרט איטאַליעניש ניט געקאָנט, דאָך האָבן זיי זיך ליב באַקומען פֿון דער ערשטער מינוט אָן. חוץ די איטאַליענערין האָט די באָבע אָנגענומען פֿאַר אַן איטאַליענערי און צו איר גערעדט עפּעס אַזוי גוטמוטיק און זינגעוודיק. די באָבע האָט איר דאַן געענטפֿערט מיט די הענט און געזאָגט: „נאָסטענד. מיסיס. באַט אַ אָלרײַט,

אַלרײַט. (כ׳פאַרשטײ ניט, מאַדאַם, נאָר ס׳איז װױל, װױל).

פון אָט די רײד דער באָבעס איז די איטאַ־ליענערין גאָר געװאָרן באַגײַסטערט און זי איז צוגעגאַנגען צו דער באָבען, זי אָנגענומען פאַרן אָרעם און גערעדט, גערעדט צו איר אַ סך, אַ סך. די באָבע, ניט פאַרשטײענדיק קײן װאָרט, האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אױף יאָ און איר גע־ענטפערט אין אַ געמיש פון יידיש, ענגליש און אַפילו רוסיש.

פון דאַן אָן האָט זיך אַנטװיקלט אַ פרײַנד־שאַפט צװישן די צװײ פרױען.

מיסיס לוקא איז געװען אַ ביסל ייִנגער פון דער באָבען. כאָטש אירע האָר זײַנען שױן געװען אין גאַנצן װײַס, זײַנען אָבער אירע אױגן געװען אַזעלכע שװאַרץ־גלײַענדיקע און יונגע.

אין פאַרלױף פון צװעלף יאָר, װאָס זײ האָבן זיך כּמעט יעדן טאָג באַגעגנט אין גאַס, האָט זיך בײַ בײדע פרױען אַנטװיקלט אַן אײגענע שפּראַך און מע האָט זיך גוט פאַרשטאַנען. מער מיט די אױגן און מיטן קול װי מיט די װערטער.

— װאַטצעמערע, מיסיס לאַפּי, יו נאָ לוק גוד. (װאָס איז דער מער, מיסיס לאַפּי, איר קוקט אױס שלעכט) — האָט גלײַך דערקענט די איטאַליענערין אין דער באָבעס פּנים, אַז עפּעס איז ניט גלאַטיק.

— יאָ, יאָ, מיסיס לוקא — האָט געענטפערט אין אַ טרויעריקן קול די באָבע — מאַי באָי פון ברוקלין הי איז סיק. ער האָט די פלו, האָט ער (מײַן בחור פון ברוקלין איז קראַנק).

—די פלו? נאָ גוד, נאָ גוד. יו טעיקא מעדיסין אי מעיק, יו סאָן הי בי גוד, מיסיס לאַפּי. (די פלו? ניט גוט, ניט גוט. איך וועל אײַך מאַכן אַ רפֿואה, וועט אײַער זון געזונט ווערן, מיסיס לאַפּי).

און אין אַ שעה אַרום האָט שוין די מיסיס לוקא געהאַט פאַרטיק צעריבענע קרײַטעכער, וואָס זי האָט צוגעגרייט, באַבסקע רפֿואות, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון איר לאַנד.

פּסח האָט די באָבע דער מיסיס לוקא גע־געבן מצות צו פאַרזוכן און איר אַראָפּגעבראַכט קנײדלעך.

איין מאָל איז די איטאַליענערין אַרויפגע־קומען צו דער באָבען אין הויז אַרײַן און די באָבע האָט איר געגעבן צו פאַרזוכן פון איר געבעקס און געטרונקען מיט איר צוזאַמען אַ גלעזל הײ־מיש־געמאַכטן ווישניאַק. מיסיס לוקאס אויגן האָבן געגלאַנצט און באַלויכטן דעם צימער און זי האָט אָנגעקוואָלן פון עלקען און געלאַכט הילכיק פון עלקעס חכמות.

צו דער באָבעס „חתונה“ איז מיסיס לוקא געקומען אויסגעפּוצט אין איר שענסטער שוואַר־

צער, זײדענער קלײד, מיט אַ צירונגבאַנד אויפֿן האַלדז, מיט בראַסלעטן אויף די הענט און אַ זילבערנעם קאַם אין די זילבערנע שײַנענדיקע האָר. עס האָט פֿון איר געשמעקט מיט שאַרפֿן פּאַרפֿום און דאָס פֿולע מאַטאָװע פּנים האָט אױסגעדריקט יום־טובדיקײט אין כּרײד, װי זי װאָלט זיך געפֿרײט מיט אירער אַן אײגענער שװעסטער.

דער זײדע האָט אויך געהאַט אַן אַלטן פֿרײַנד צו זײַן חתונה. דאָס איז געװען זאַלמען פֿון דזשוירדזשי סטריט, אַ ייִד אַ זיבעציקער, אַ קלײנטשינקער, װאָס זײַן אײבערשטער טײל קערפּער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ גרױסן שטעקן, מיט װעלכן ער האָט זיך קײן מאָל ניט געשײדט. כאָטש זאַלמען איז שױן אין אַמעריקע געװען באַלד פֿערציק יאָר און געהאַט אײניקלעך און אַפֿילו אַן אוראײניקל, דאָך האָט ער זיך געקלײדט אויפֿן הײמישן שטײגער פֿון די פֿרומע ייִדן. ער האָט געטראָגן אַ שװאַרצן לאַנגן כאַלאַט, אַ מאָדנע קאַפּעלושל, װאָס איז געװען אי קורץ, אי אַרױפֿגעדרײט. זײַן בערדל איז געװען אַ סך לענגער פֿון זײדנס און זײַן פּנים איז תּמיד געװען באַזאָרגט.

דער זײדע און רב זאַלמען זײַנען געװען פּונקט דער קעגנזאַץ אײנער פֿון צװײטן: דער — הױך און פֿרײלעך, יענער — קלײן און באַטריבט;

דער האָט ליב געהאַט זײַן פּערד. יענער האָט מורא געהאַט א קוק צו טאָן אויף א פּירפּיסיק באַשעפעניש; דער האָט ליב געהאַט צו וויסן, וואָס ס'טוט זיך הײַנט אויף דער וועלט. יענער איז געווען ארײַנגעטאָן אין פרומע יידישע ספרים און געטראַכט פון גאָט און יענער וועלט.

באַגעגנט האָבן זיך ביידע מיט א צוואַנציק יאָר צוריק אין א שול בײַם דאַווענען. רב זאַלמען האָט זיך צעווערטלט מיטן זיידן, ווײַל דער זיידע האָט זיך דערלויבט צו מאַכן א שפּאַס איבערן חזן. פון דאַן אָן האָבן זיי זיך אָפּט געקריגט. דאָס הייסט רב זאַלמען איז געווען דער, וואָס האָט זיך געבייזערט אויפן זיידן, און דער זיידע איז געווען דער, וואָס האָט געלאַכט. געלאַכט און זיך ניט גענומען צום האַרצן זאַלמענס שטראָפרייד. נאָר ער האָט, ווײַזט אויס, הנאה געהאַט, וואָס יענער איז אַזוי ערנסט. ער האָט אים ליב באַקומען פאַר זײַן ערלעכקייט און גערעדט וועגן אים מיט גרויס רעספּעקט.

און ווען רב זאַלמען איז קראַנק געוואָרן, איז דער זיידע געווען בײַ אים יעדן טאָג, געבראַכט אים א פלעשל ווישניאַק און בכלל זיך געזאָרגט פאַר יענעמס ווײלזײַן.

ווען דער זיידע האָט באַשלאָסן עמעצן אײַנצולאַדן צו זײַן יום־טוב, צו זײַן חתונה, האָט ער פון אַלע זײַנע באַקאַנטע אין דער געגנט

אויסגעקליבן גראָד רב זאַלמענען, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז יענער וועט קיין גלײַכוואָרטל קיין לעבעדיקס ניט קאָנען זאָגן, נאָר ער וועט אונטערקרעכצען, בשעת אַלעמען וועט זײַן פריילעך אויפן האַרצן.

רב זאַלמען איז געקומען צו דער חתונה צום זיידן אין הויז אָנגעטאָן אין זײַן שטענדיקן כאַלאַט און זײַן שוואַרץ-בלוי קאַפּעלושל. אונטער דער באָרד האָט זיך געזען דער פּריש-ווײַסער קאָלנער צו זײַן ווײַסן לײַוונטענעם העמד, וואָס ער האָט געטראָגן בלויז אין יום-טובדיקע טעג. דער שוואַרצער שטעקן איז געווען זײַן באַגלייטער.

אין דער וואָך פון דער חתונה האָט דער זיידע געהאַט אָנגעגרייט נײַע וויצן וועגן זיך און זײַן כּלה. ער האָט געוואָלט וויסן, צי זי איז שוין פאַרטיק מיט איר אויסשטײַער און צי זי האָט חרטה אויפן שידוך. ער האָט זיך געהאַלטן אַן עצה מיט יעדן, וואָס איז אַרײַנגעקומען אין הויז אַרײַן, וועגן דעם, וווּהין ער זאָל זײַן כּלה נעמען אויף דער „האָנימון"*) — אין אַטלאַנטיק סיטי, צי גאָר קיין מיאַמי, פלאָרידאַ.

די באָבע ווידער האָט אויך געטראַכט וועגן דער חתונה, נאָר גאָר אַנדערש פון זיידן. זי האָט

*) האָניק-חודש.

געהאַלטן אין איין דערמאָנען, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין די פופציק יאָר, וואָס זיי לעבן צוזאַמען. זי פלעגט זיך צעוויינען ריידנדיק און ענדיקן מיט „אַ דאַנק דעם אייבערשטן, וואָס אַז מע לעבט, דערלעבט מען זיך".

ער פלעגט אין אַזעלכע מאָמענטן אַרומשפּרייזן איבער דער קיך, זיך אײַנהערן, שווײַגן און פּיפּקען זײַן לולקע.

זונטיק איז געווען די חתונה. פון העט פרי אָן האָבן זיך פאַרזאַמלט די קינדער מיט זייערע קינדער. די הויפּט־דאגה בײַ חתן־כּלה איז געווען: ווי וועלן זיך אַלע אַהינטאָן?

דער זיידע האָט געזאָגט: — „ווען מע לאָזט מיך, וואָלט איך געדונגען דעם מעדיסאָן סקווער־גאָרטן*) און כ'וואָלט אַראָפּגעבראַכט אַ קאַפּעליע, וואָס צימבלט אויף דער ראַדיאָ".

די באָבע ווידער איז געווען אַזוי מיד פון גאַנצן טאַראַראַם, אַז זי האָט שוין אויף די פיס ניט געקאָנט שטיין. די טעכטער האָבן דאָס פאַרשטאַנען און איר ניט געלאָזט מער טאָן עפּעס. מע האָט זי אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרץ זײַדן קלייד און זי האָט געטראָגן אַ שנירל פּערל אויפן מוטערלעכן האַלדז.

מיט יעדן אָנקומען פון אַן אַנדער קינד

*) דער גרעסטער זאַל אין ניו־יאָרק, וואָס האָט צוואַנציק טויזנט זיצפּלעצער.

מיט אײניקלעך איז איר פּנים אויפגעלויכטן געוואָרן און זי האָט זיך מיט אַלעמען געקושט און געהאַלדזט.

אַנדערש איז עס געווען מיטן זיידן. ער האָט זיך ניט געוואָלט אויספּוצן. ער האָט זיך ניט געוואָלט קושן. ער האָט ניט געוואָלט אַוועקזיצן אויף איין פּלאַץ. עס האָט אים געצויגן אַראָפּ־צוגיין אין שטאַל, זען, וואָס עליע מאַכט. כאָטש גאַנץ פרי איז ער געווען אונטן און דעם פערד געלאָזן געניג האָבער און וואַסער און גערייניקט די שטאַל און באַזאָרגט אים פאַרן טאָג.

ווען דער ייִנגסטער זון ראַלף איז אָנגעקומען מיט זײַן ווײַבל, האָט אים דער טאַטע צוגערופן צו זיך און געבעטן, ער זאָל אַראָפּגיין אַ קוק טאָן, וואָס עליע מאַכט. ראַלף האָט נאָך קיין צײַט ניט געהאַט רעכט זיך צו באַגריסן מיט זײַנע ברידער און שוועסטער, נאָר וויסנדיק, אַז דאָס וועט צופרידנשטעלן דעם טאַטן, איז ער גלײַך אַרונטערגעגאַנגען. דער זיידע האָט זיך געשטעלט בײַם פענצטער און נאָכגעפאָלגט, ווי דער זון האָט געעפנט די שטאַל און געוואַרט בײַם פענצטער, ביז ראַלף האָט זי פאַרמאַכט.

— אַלץ אין אָרדענונג, טאַטע—האָט ער געזאָגט אַרויפקומענדיק — ער האָט מיך באַגעגנט מיט אַ פרײַנדלעכן ברום. עסן האָט ער געניג, ריין איז אים אויך. זאָרג ניט, טאַטע.

.9

ווען די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן, זײַנען די קינדער און די פרײַנד געזעסן בײַ צוויי לאַנגע טישן אין צוויי צימערן. די אייניקלעך, דאָס קליינוואַרג, האָט מען אויסגעזעצט אין קיך און אויף דער וועראַנדע.

חתן־כּלה זײַנען געזעסן אויבנאָן. אמת, דער זיידע האָט ניט געוואָלט. נאָר אַז מע האָט אים געזאָגט, אַז אַ חתן מוז פאָלגן, אַניט, וועט ניט זײַן שיין פאַר זײַן כּלה, האָט ער זיך דאָן אוועקגעזעצט אויבנאָן.

מע האָט אַ סך געגעסן, געטרונקען, געלאַכט, גערעדט אַלע צוזאַמען, געהאַלטן אין איין קוקן צו חתן־כּלה.

אויסער דעם עסן איז אויך געווען אַ פּראָגראַם. מע האָט ניט געדאַרפט דינגען קיין דרויסנדיקן טאַלאַנט. די אייניקלעך האָבן צוגעשטעלט די גימנאַסטיקע שפּיל. דער עלטסטער זון אייק, אָדער ווי ער האָט געהייסן בײַ חתן־כּלה, זײַנע עלטערן — איציקל, איז געווען דער טאָסטמײַסטער. ער איז געווען הויך ווי דער טאַטע, נאָר עס האָט אים געפעלט דעם טאַטנס גוטמוטיקייט און וויציקייט.

— טײַערע טאַטע־מאַמע, חתן־כּלה, מיר

ווינטשן איך, אז איר זאָלט דערלעבן אײער דימענטענע חתונה—האָט ער געזאָגט.

— אָמן — האָט צוגעשאָקלט פרום מיטן קאָפּ די כּלה און זיך געווישט די טרערן.

— אויב די כּלה וועט מיר געפעלן ווערן, דאַן — האָט געענטפערט דער חתן.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

בעטי, אַן אייניקל פון דער דריטער טאָכטער, צען יאָר אַלט, האָט דעקלאַמירט אַן ענגליש ליד, וואָס האָט געהייסן „מײַן מאַמע". זי האָט זיך דאָס ליד אויסגעלערנט אין פּאָבליק - סקול. נאָך דעם האָט דער צוועלפיעריקער מילטאָן דעקלאַמירט אין העברעיש א ליד וועגן די פיר צײַטן פון יאָר. קיינער האָט דאָס ליד ניט פאַרשטאַנען, נאָר אַלע האָבן שטאַרק אַפּלאַדירט. מילטאָן איז געגאַנגען אין אַ „היברו"-סקול (חדר). די זעקסיעריקע אַנעט האָט געזונגען אַ לידל אין ענגליש, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דעם פראַנצויזישן וואָרט „פּאַרלעוווּ". דער פערצניעריקער לעסטער האָט געשפּילט אויף זײַן פידל. נאָר ווײַל אין הויז איז קיין פּיאַנאָ ניט געווען, איז עס אים אָנגעקומען זייער שווער און ער האָט ניט געקאָנט כאַפּן דעם ריכטיקן טאָן. דער טאַטע זײַנער האָט אים געפּרווט אַרויסהעלפן זינגענדיק, אָבער לעסטער האָט אים געהאַלטן אין איין זאָגן, אַז ער האָט אויך ניט דעם ריכטיקן טאָן.

צום סוף האָט די צעניעריקע מילדרעד דע־
קלאַמירט אַ ייִדיש לידל „דעם זיידנס טאַבאַק־
פושקע". אַלע האָבן אָנגעקוואָלן דערפון, ווייל
יעדער האָט עס פאַרשטאַנען, און די באָבע האָט
געזאָגט: „אַ לעבן אויף איר, וואָס פאַר אַ פּיסקל
דאָס פאַרמאָגט!"

דאַן האָט דער עלטסטער זון אייק און די
עלטסטע טאָכטער מעי דערלאַנגט דעם חתן אַ
גאָלדן האַנטזייגערל און דער כּלה — אַ רינגל.
אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט און אַפּלאָדירט.

די באָבע האָט זיך צעוויינט. אויך ביים
זיידן זיינען געשטאַנען טרערן אין די בלויע
אויגן.

— מאַמע, אַ ספּיטש! *)—האָט אויסגעשריגן
איינע פון די טעכטער.

— יאָ, יאָ, לאָמיר הערן, צי די כּלה מיינע
קאָן דאָס מויל עפענען — האָט צוגעגעבן דער
זיידע.

— דו ביסט עלטער פון מיר, דאַרפסטו
ריידן—האָט אים געענטפערט די באָבע.

נאָר אין דעם מאָמענט האָבן זיך אריינ־
געלאָזט די קינדער פון דער קיך אין גרויסן
צימער אריין. פאָרויס איז געגאַנגען דער בלאָנ־
דער צוועלפיעריקער סאַני און הינטער אים —
די דרייצניעריקע מערי. ביידע האָבן געטראָגן
פאַרפּאַקטע מתּנות. זיי זיינען צוגעגאַנגען צום

*) רעדע.

אויבנאָן און מערי האָט דער באָבען דערלאַנגט
אַ ברייטן און הויכן פּאַק זאָגנדיק:

— „דאָס איז פון אַלע אייניקלעך".

סאַני האָט אויך דערלאַנגט עפּעס אַ זאַך דעם זיידן און געזאָגט:

— „דאָס איז פון אַנדערע אייניקלעך".

די באָבע האָט ביידן געקושט. דער זיידע האָט זיי געגלעט איבער די קעפּ און דעם יינגל געגעבן אַ שנעל אין אויער. ווען מע האָט גע-עפנט די פּעקלעך, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באָבע האָט באַקומען אַ גאָלד-געפאַרבטע שטול פאַר איר עלטער. און דער זיידע האָט געקראָגן אַ גרויס פאָטאָגראַפיש בילד פון זיין פערד עליע, ווי ער שטייט אַ געהאָרכזאַמער מיט אַן אַראָפּ-געלאָזטן קאָפּ, זייטווערטס.

דער עולם האָט געלאַכט. אַלע האָבן הנאה געהאַט פון די מתנות. דאַן האָט מען פאַרלאַנגט, אַז דער זיידע זאָל עפּעס זאָגן.

דער זיידע האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך געגעבן אַ קראַץ דעם קאָפּ, אַ גלעט געטאָן דאָס בערדל, אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן, וואָס דאָס איז געווען אַ סימן, אַז ער וועט באַלד זאָגן אַ וויצל. און ער האָט אָנגעהויבן זיך אויס-דרייענדיק צו זיין כלה: — „פריער פון אַלץ, הערסטו, וועט מען מאָרגן דאַרפן אַריינגיין אין דזשולערי-סטאָר *) אויסגעפינען, צי מע האָט

*) צירונג-געשעפט.

אונדז ניט אָפּגעגעזעגנט מיט די פּרעזענטן". דאַן האָט ער זיך אומגעקוקט איבערן צימער און אָנ־געהויבן לאַנגזאַם, ווי זײַן שטייגער איז געווען:

— ס'איז גוט, וואָס מע איז זיך דאָ אַלע צוזאַמענגעקומען און מע נעמט צו גלעזלעך און מע פּראַוועט אַ חתונה. די כּלה האָט געמעגט זײַן אַ ביסל ייִנגער און שענער, נאָר פּאַרפּאַלן... דער נדן האָט אויך געמעגט זײַן אַ ביסל גרעסער, נאָר אין הײַנטיקע שלעכטע צײַטן מוז מען זיך צופרידנשטעלן דערמיט... ערנסט גערעדט, ס'איז ניט אַזאַ לײַכטע זאַך געווען אָפּצולעבן מיט מײַן ייִדענע פופציק יאָר צײַט, נאָר אַז כ'האָב עס באַוויזן, קומט מיר אַ מעדאַל. נו, זאָל זי אַליין זאָגן, צי ניט.

די באָבע האָט געשוויגן און דער זיידע איז געשטאַנען און געוואַרט אויף אַן ענטפער. דאַן האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— די הײַנטיקע שׂימחה איז טאַקע אַ פולע, נאָר קיין ייִדישע שׂימחה קען ניט זײַן פול. איך זע דאָ טאַקע אַלע קינדער, אַלע טומלענדיקע אייניקלעך, רב זלמענען און אַנדערע פרײַנד, נאָר דאָך וויל איך, איר זאָלט מיר גלויבן, אַז עס פעלט מיר דאָ מײַן בעסטער פרײַנד הײַנט. ווען איך וואָלט אים דאָ געקענט האָבן לעבן זיך, וואָלט מײַן שׂימחה געווען פול. איר וועט זיך מיסתּמא אָנשטויסן, אַז דאָס מיין איך מײַן עליען,

מײַן געטרײַסטן פֿרײַנד. װען איך װאָלט אים געקענט אַרױפֿברענגען אַהער און האָבן אים לעבן זיך, װאָלט געװען גוט. טאַקע ניט מער װי אַ פֿערד, אַ שטומע באַשעפֿעניש, נאָר ער װאָלט זיך אױך געפֿרײט.

דער זײדע האָט אַרױסגענומען זײַן פּיפּקע און זיך אָװעקגעזעצט. דער עולם האָט ניט גע־װוּסט, צי האָט ער בלױז געשפּאַסט, צי האָט ער עס טאַקע געמײנט ערנסט.

ראַלף האָט געזאָגט, אַז ער האָט עס טאַקע געמײנט אין דער אמתן.

שפּעט אין אָװנט, װען אַלע זײַנען שױן געהאַט אַהײם געפֿאָרן און עס זײַנען געבליבן בלױז צװײ טעכטער, װאָס האָבן אױפֿגערײַמט דאָס הױז, האָט דער זײדע זיך אָפּגערופֿן צו דער באָבען:

— מע דאַרף אַראָפּגײן אַ קוק טאָן אױפֿן פֿערד.

די באָבע איז געװאָרן אין כּעס און געזאָגט:

— צו מײַנע שׂונאים קעפּ, װאָס אַ מענטשן קען אײַנפֿאַלן!

נאָר דער זײדע האָט געענטפֿערט:

— שױן, נאָר װאָס חתונה געהאַט, און דו קריגסט זיך שױן מיט מיר? איך װעל דיך אָנ־קלאָגן אױף אַ גט!

נאָר געפֿאָלגט האָט ער איר און איז זיך
אַראָפּגעגאַנגען. ער האָט בלויז אַראָפּגעקוקט
פֿון פֿענצטער צו דער שטאָל. ס'איז געווען
פֿינצטער. ער האָט זיך איינגעהערט. די פֿיס האָבן
אים מער ניט געדינט נאָך אַזאַ טאָג. ער האָט
נאָך אַ מאָל באַטראַכט דאָס בילד פֿון עליען,
וואָס ער האָט אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן קאָמאָד
בײַ זיך אין צימער, און האָט זיך געלייגט שלאָפֿן.

10.

נאָך דער חתונה איז געוואָרן שאַ־שטיל
אין הויז. די קינדער און די אייניקלעך זײַנען
איצט זעלטענער געקומען צום אַלטן פּאָר פֿאָלק.
מע איז געווען אַרײַנגעטאָן אין טעגלעכע זאָרג
פֿאַרן שטיקל ברויט. די צײַט איז געוואָרן ערגער
און ערגער. דער פֿאַרמעגלעכער זון האָט פֿאַר־
לאָרן זײַן הויז. דער אָרעמער איידעם האָט אָנ־
געוואָרן זײַן שטעל, אויף וועלכער ער האָט גע־
אַרבעט באַלד צוואַנציק יאָר.

אַ קריזיס האָט געהערשט איבער אַמעריקע.

דער זיידע האָט דערפֿון געוווּסט און בלויז
געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין.

דאָס האָט געמיינט: איך בין ניט צופֿרידן
פֿון קריזיס.

די באָבע, ווידער, איז אַרומגעגאַנגען איבער
דער קיך און כּסדר אונטערגעקרעכצט:

— אָט האָסטו דיר די רײַכע אַמעריקע! אַז מע האָט געקענט סעמען (איר איידעם) אַרויס־וואַרפֿן נאָך צוואַנציק יאָר שווערער האָרע־וואַניע אויף איין פּלאַץ, איז די וועלט קיין וועלט ניט און מענטשן זײַנען קיין מענטשן ניט. אַזוי וואָר ווי איך לעב מיט דיר צוזאַמען!

דער זיידע האָט זיך אײַנגעהערט, געפּיפּקעט זײַן ליולקע און אַפֿילו ניט געפּרוּווט ענטפֿערן שפּאַסיק. ער האָט געלייענט די צײַטונגען און געוווּסט, אַז ס'איז שלעכט.

די באָבע האָט זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן, אַז פֿון די צָרות טוט איר וויי דאָס האַרץ. ס'איז איר געוואָרן אַלץ שווערער דאָס קריכן אויף די טרעפּ. די הויזאַרבעט איז איר געפֿאַלן צו לאַסט.

דער זיידע האָט אָבער געמאַכט שפּאַס דערפֿון.

— איצט זע איך, אַז מע האָט מיך אָפּגע־נאַרט. ניט אויסגעזאָגט מיר פֿריִער, אַז די כּלה האָט אַ שוואַך האַרץ... זאָלסט מיר באַלד זײַן געזונט. אַניט, וועל איך דיך אָנקלאָגן אויף אַ גט.

נאָר אַליין איז אים אויך געוואָרן שווע־רער דאָס אַרומגיין; ווען ער האָט געדאַרפֿט געבן עליען עסן, איז דאָס געווען אַן אָנגע־שטרענגטע אַרבעט און אַרויפֿקומענדיק פֿון שטאַל האָט ער לאַנג צו זיך ניט געקאָנט קומען.

די באָבע האָט אים אָנגעהויבן צוריידן, אַז ער זאָל פֿאַרקויפֿן עליען. זי האָט געטענהט:

— וואָס האָסטו פון אים? עסן דאַרף ער, ריייניקן מוז מען אים, קיין נוצן ברענגט ער דיר ניט. פאָלג מיך איין מאָל, בּרוך! אַזאַ יאָר אויף מײַנע שונאים, וויפל כּוח דו פאַרמאָגסט.

אויף דעם האָט ער איר געענטפערט:

— איך מיש זיך עפּעס אין דײַנע עסקים? דײַן עלקע דאַרף דען ניט עסן? און אַ באָד? און ריייניקן די שטײַג יעדן טאָג? און וואָס פאַר אַ נוצן ברענגט דער פויגל דיר? פלוידערט אָן אַ פולן זאַק, אַז דער קאָפּ קען פּלאַצן... עליע שווײַגט כאָטש. נו, הייס איך דיר פאַרקויפן דעם פויגל? זאָל זײַן נאָך עמעצער אין הויז—טראַכט איך מיר — ס'איז פרייליכער. הלוואַי וואָלט איך געקענט מאַכן פלאַץ דאָ פאַר עליען, וואָלט מיר געוואָרן היימלעכער יעדן טאָג.

ווײַל קיין מענטשן זײַנען ניט געקומען צו גאַסט אין הויז אַרײַן, איז עלקען געוואָרן אומעטיק דערפון. האָט זי געהאַלטן אין איין אונטערברומען צו זיך אומצופרידן, געקנאַקט פויל די קערלעך, געשאַרפט דעם שנאָבל און געקלעטערט אויף די גראַטעס פון דער שטײַג. ווען די באָבע, אָדער דער זיידע האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב, ווי זי וואָלט וועלן זיי צורופן צו זיך, אַז מע זאָל זיך שפּילן מיט איר. נאָר סײַ דעם זיידן, סײַ דער באָבען איז איצט ווינציק געלעגן אין קאָפּ צו שפּילן זיך מיטן פאָפוגײַ. זיי האָבן

געפילט, ווי די כוחות פאַרלאָזן זיי. און אַ גאַנצן טאָג האָט מען זיך צוגעהערט צו שטעכעדיקן אין די פיס, ווייטיקן ביים האַרצן.

יאָ, די עלטער־שוואַכקייט האָט איצט פאַרנומען דעם הויפּטפּלאַץ אין הויז. דער זיידע האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס טוט מען מיט עליען. ער האָט געבעטן זיין זון ראַלפן קומען: ער מוז זיך מיט אים באַראַטן וועגן אַ וויכטיקער זאַך.

ווען ראַלף איז געקומען, האָבן זיי געהאַט אַ שמועס וועגן עליען. ראַלף האָט אויך געהייסן פאַרקויפן עליען. נאָר געבליבן איז, אַז ניט.

— אַזוי לאַנג ווי איך לעב און קען נאָך אַרומגיין אויף די פיס, זאָל ער (עליע) זיין מיט מיר. אַזוי לאַנג פריינד געווען, וועלן מיר ווייטער בלייבן פריינד. און ווען איך וועל זיך אָפּטראָגן אַהין, פון וואַנען מע קערט זיך שוין מער ניט אום, בעט איך דיך, מיין זון, אַז דו זאָלסט אים נעמען צו זיך. אויב דו וועסט נאָר האָבן פלאַץ, וואָלט איך וועלן, זאָלסט אים האַלטן ביי זיך; נאָר אויב ניט — די ציינער זיינען שלעכט און אַ פלאַץ קאָסט געלט — זאָלסטו טאָן מיט אים, ווי דו פאַרשטייסט.

ראַלף האָט צוגעזאָגט. טרערן זיינען אים געקומען אין די אויגן אַריין, ווען ער האָט אַ

קוק געטאָן אויף זײַן גוטן פאָטער און געפילט, אַז די צײַט פון שיידן זיך ווערט נענטער.

יעדן זונטיק איז איצט ראַלף געקומען אין הויז אַרײַן און גערייניקט די שטאַל, אײַנגע־קויפט האָבער און לײַכטער געמאַכט פאַרן טאַטן דאָס אויפפּאַסן אויפן פערד.

.11

עפּעס האָט אויך עליע דערפילט, אַז זײַן געטרײַער פרײַנד פּאַסט אויף אים ניט אויף ווי אַ מאָל. און ווען דער זיידע האָט זיך באַוויזן אין שטאַל, האָט זיך עליע צעהירזשעט פון צו־פרידנקייט און געדרייט זײַן שיינעם לאַנגן האַלדז אַרום דעם זיידן. דער זיידע אַליין איז געוואָרן צאַרטער צו אים, געגלעט אים און געזאָגט: „נאָיס, נאָיס, עליע".

איין מאָל, ווען עליע האָט מיט זײַן לאַנגער נאַסער צונג געקושט דעם זיידן איבערן פּנים און איבער די הענט, האָט עס אים פאַרקלעמט פאַרן האַרצן און ער האָט אַרומגענומען עליעס קאָפּ, אָנגעשפּאַרט זײַן אייגענעם קאָפּ אויף אים און זיך ביטער צעוויינט. ער האָט געוויינט אַזוי אַ לאַנגע צײַט. האָט ער געפילט, אַז מער וועט ער שוין ניט קענען אַרויספאָרן איבער די גאַסן מיט אים? אַז ער וועט אים שוין ניט קענען מער וואַשן און באַרשטן ווי אַ מאָל? ווער ווייסט?

עליע איז געשטאַנען אַ טרויעריקער און געלאָזט דעם זיידן זיך אויסכליפּען. ער האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן, ווי ער וואָלט געפילט, אַז מע טאָר דעם זיידן ניט שטערן אַצינד.

אויך עלקע האָט דערפילט, אַז די באָבע איז ניט אַזוי צוגעלאָזן צו איר ווי אַ מאָל. ווי זי וואָלט וועלן אויסדריקן איר פּראָטעסט, האָט זי פון דער העלער הויט אָנגעהויבן קוויטשען און שרײַען:

— באָבע! באָבע!! באָ—בע!!!

די באָבע איז געוואָרן אין כּעס, צוגעגאַנגען צו איר און באַפוילן:

—„שווײַג, דו נאַרישער פויגל! אָט איז די באָבע! נו, גענוג, זאָגט מען דיר!"

ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן און די באָבע האָט איר צוגעטראָגן אַ נאַשוואַרג, כּדי זי אײַנצושטילן.

ביז איין מאָל איז זיך פאַרלאָפן אַ מעשה, וואָס האָט געמאַכט, אַז מער זאָל די באָבע אויף איר עלקען ניט שרײַען.

פּאַסירט האָט אָט וואָס:

די באָבע איז אַראָפּגעגאַנגען אײַנקויפן. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ היץ. די זון האָט געבאַקן יונג און אַלט. דער זיידע האָט זיך באַנוצט מיט דעם, וואָס די באָבע איז אוועק, און ער איז אַראָפּגעגאַנגען אַ קוק טאָן אויף עליען.

ער האָט אים אָנגעטרונקען און געגאָסן שעפּלעך קאַלט וואַסער אויף אים. נאָך דעם האָט ער זיך צוגעזעצט אויף אַ קעסטעלע אָפּרוען בײַ דער צעפּראַלטער טיר פון דער שטאַל.

דער זיידע איז געזעסן אַזוי אַ לאַנגע צײַט, ווײַל ער האָט געוווּסט, אַז די באָבע וועט זיך זאַמען. זי וועט מיסתּמא אַרײַן צו דער איטאַ-ליענערקע זיך אָפּרוען.

דאָס מאָל האָט דער זיידע ניט געטראָפן. די באָבע האָט זיך דערפילט שוואַך אין גאַס און ניט האָבנדיק אײַנגעקויפט אַלץ, וואָס זי האָט געדאַרפט, האָט זי זיך געלאָזט צוריק אין הויז אַרײַן. עס איז איר אָנגעקומען שווער אַרויפ-צוגיין די עטלעכע שטיגן, שווערער ווי אַלע מאָל. און ווי זי האָט ענדלעך דערגרייכט די קיך, האָט איר אַ שווינדל געטאָן דער קאָפּ און זי איז אַוועקגעפאַלן אַ פאַרחלשטע אויפן דיל און זיך ניט געקענט אַ ריר טאָן.

עלקע, וואָס האָט זיך דערפרייט, וואָס די באָבע איז דאָ צוריק, האָט מיט אַ מאָל דערזען, אַז זי ליגט אויסגעצויגן אויפן דיל. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אין איר לעבן, וואָס עלקע האָט געזען אַזאַ מאָדנעם בילד. זי האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן שרײַען: „באָבע!" די באָבע האָט ניט געענטפערט. האָט זי העכער און בייזער געשריִען. די באָבע האָט ניט גע-

ענטפערט. האָט עלקע אָנגעהויבן שרײַען הויך און שנעל, אַזוי הויך און אַזוי נערוועז, ווי קיין מאָל פריִער אין איר לעבן.

דער זיידע, וואָס האָט געהאַט אַ דרימל געטאָן אויפן קעסטעלע, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון עלקעס קולות. ער האָט אויך דערפילט, אַז עלקע שרײַט עפּעס מאָדנע, ווי קיין מאָל פריִער. וואָס קען עס זײַן? זי הערט ניט אויף. זאָל עמעצער אַ פרעמדער זײַן אין הויז, פאַר וועמען עלקע האָט מורא?

דער זיידע איז געוואָרן באַזאָרגט. ער האָט גיך פאַרמאַכט די טיר פון דער שטאָל און זיך געלאָזט גיין אַרויף. אַ שכן פון אַ קראָם האָט אויך געהערט עלקעס גוואַלדן און ער האָט זיך אויך געוווּנדערט. דערזען דעם זיידן, איז ער מיט אים צוזאַמען אַרויפגעגאַנגען אין הויז אַרײַן.

דער זיידע האָט אויפגעעפנט די טיר און דערזען, ווי די באָבע איז געלעגן אויפן דיל. ער האָט אָנגעהויבן ציטערן אין גאַנצן. דער שכן האָט זי גענומען אָפּמינטערן. דער זיידע האָט געזען, אַז זי אָטעמט, אַז זי לעבט. דער שכן איז שנעל אַרונטערגעלאָפן רופן אַ דאָקטאָר.

די באָבע האָט דערווײַל די אויגן געעפנט, מיטן זיידנס הילף זיך אָפּגעזעצט.

ערשט דאַן האָט עלקע זיך באַרויִקט און אַנטשוויגן געוואָרן.

דער דאָקטאָר איז געקומען, אויסגעהאָרכט איר האַרץ, אָנגעזאָגט, וואָס זי זאָל טאָן, ווי אויפצופאַסן אויף זיך.

פאַרן אוועקגיין האָט ער געזאָגט:

— איר האָט צו פאַרדאַנקען אײַער פּאָפּוגײַ, וואָס איר זײַט לעבן געבליבן. ווען ער וואָלט ניט געשריִען און איר וואָלט ניט באַקומען קיין הילף אין דער צײַט, וואָלט איר שוין איצט ניט געלעבט.

די באָבע האָט זיך צעוויינט נאָכן דאָקטאָרס אוועקגיין און זי האָט פאַר עלקעס איבערגעבנ־קייט איר אָפּגעפּרעגלט אַ פּאָר אייער.

עלקע האָט זיך פאַסמאַקעוועט. צום ערשטן מאָל, זינט זי געדענקט, האָט מען איר געגעבן ניט קיין שטיקל אויף אַ גאָפּל, נאָר אַ גאַנצן טעלער אייער. דערפאַר האָט זי אָפּגעדאַנקט מיט זינגען ווי אַ קאַנאַריק, פון וואָס אי דער זיידע, אי די באָבע האָבן האַרציק געלאַכט.

און אָפשר האָבן זיי געלאַכט, ווײַל זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס אַ דאַנק זייערע פרײַנד עליען און עלקען איז די באָבע לעבן געבליבן?

מיסתּמא יאָ.

פאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך“

אין פאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך“ זײַנען ביז איצט
דערשינען פאָלגנדיקע דערציילונגען
פון י. א. ראָנטש

1. ווילי דער זינגער

2. י. דעבס און אונדזערע
קינדער

3. בריוו פון די קעטסקיל-בערג

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:
S. Bastomski Wilno, Stefańska 24.